II. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 21.

# דער יוּד

צייטשריפט

פיר אַלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

פערלאַג: חברת „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אֶסטרייך-אונגארן —.12 קראָנען.
האַלביאָהריג —.6 „
פירטעליאָהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אַנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדע קליינע שורה פעטיט 20 העלער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Erscheint Donnerstag.

דער פרייז פיר רוסלאנד:
גאַנץ-יאָהרליך —.5 רוביל.
האלב-יאָהרליך —.3 רוביל.
פירטעל-יאָהרליך 1.50 רוביל.

מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

ענדערען די אדרעסע קאסט 20 קאפ.

קראַקויא, אייר תר"ס. נומר 21. Krakau, 24 Mai, 1900.

## די חדרים.

II.

די חֲדָרִים זאָלען אויך ווייטער קענען שפּילען די ראָליע וועלכע זיי האָבען געשפּיעלט ביז איצט אין אונזער געשיכטע, זיי זאָלען אויך ווייטער קענען פונאַנדער טראָגען די יודישע וויסענשאַפטען אונטער דעם גאַנצען פאָלק, זיי זאָלען אויך ווייטער קענען צוגרייטען אונזערע קינדער צום לעבען, צום לעבען פון היינט און ניט צו דעם אמאָליגען לעבען, וועלכעס איז שוין אויף אייביג פערשוואונדען, קורץ כְּדֵי די חֲדָרִים זאָלען קענען בלייבען אֱמֶת'ע פאָלקסשולען, דאַרפען זיי דערצו גאָר אין גאַנצען אומגעענדערט ווערען. די פערענדערונגען דאַרפען זיך בעציהען אויף אַלע זייטען פון אונזערע חדרים, ווייל קיינע פון זיי איז ניט געבליבען געזונד גענוג זי זאָל אויך ווייטער קענען לעבען און ווערטה זיין צו לעבען. עס דאַרף אין גאַנצען אומגעאַנדערשט ווערען דאָס יודישע לערנען, מען דאַרף אין די חדרים איינפיהרען אַלגעמיינע וויסענשאַפטען, עס מוז מעהר געזאָרגט ווערען פאַר די געזונד פון אונזערע קינדער, עס דאַרף איינגעפיהרט ווערען די איינטהיילונג אין קלאַסען, עס דאַרף אויסגעאַרבעט ווערען אַ פּלאַן ווי צו פערגרעסערן די הַשְׁגָחָה אויף די חדרים, מען דאַרף געפינען מיטלען ווי צו שטיצען די חדרים, זיי זאָלען קענען איינפיהרען ביי זיך די אַלע פערבעסערונגען, וועלכע די צייט האָט אַרויסגערופען, מען דאַרף קלערען ווי צו געפינען בעסערע מְלַמְּדִים און בעסערע לעהרער. די אַלע פערבעסערונגען, וועלכע מיר לייגען דאָ פאָר, זענען גאָר ניט אַזוי שווער אַז מיר זאָלען ניט קענען האָפען זיי דורכצופיהרען, און זיי זענען וויכטיג גענוג אַז מיר זאָלען אויף זיי אונזער קראַפט און אונזער אַרבייט ניט זשאַלעווען. אַלע דאַרפען וויסען אַז דאָ געהט אום אַ וויכטיגע לעבענספראַגע, וועלכע איז נוֹגֵעַ אונזער גאַנצען פאָלק, און דערפאַר דאַרף מען זיך מיט איהר מעהר אָבגעבען ווי ביז איצט.

פריהער פון אַלין דאַרפען אומגעענדערט ווערען די יודישע לִמּוּדִים.

עס איז אַ שאָד אונזערע קינדער, ווען מען נעמט צו ביי זיי מעהר צייט, וויפיעל עס איז נייטהיג אום צו קריגען דאָס נייטהיגע וויסען, עס איז אַ שאָד זייערע פעהיגקייטען, ווען מען לאָזט זיי ניט וואַקסען ווי עס דאַרף צו זיין, און די פעהיגקייטען פון אונזערע קינדער וואַקסען ניט געהעריג, ווייל מען גיט זיי ניט די גייסטיגע אַרבייט, וועלכע זייערע מוחות'ליך ברויכען. אַנשטאַט צו ערציהען אין די קינדער די פעהיגקייטען צו בעטראַכטען מיט קלאָרע אויגען אַלין וואָס עס איז אַרום זיי, די פעהיגקייט ריכטיג צו דענקען און גענוי און דייטליך איבערצוגעבען זייערע געדאַנקען, ווערגט מען אין זיי דאָס נאַטירליכע געפיהל פון לעבען, מען דערווייטערט זיי פון דער קינדערשער וועלט, וועלכע איז פול פאַר זיי מיט פרייד און לעבען, און מען טראָגט זיי אַריבער אין אַ וועלט, וועלכע איז זיי פרעמד און וועלכע זיי פערשטעהען ניט. אַנשטאַט די איינפאַכקייט און נאַטירליכקייט רופט מען ביי זיי אַרויס אַ חֵשֶׁק צו פִּלְפּוּל מיט מִשְׁנָה'דיגע שְׁאֵלוֹת צו אַלין וואָס איז גלאַט און פראָסט.

דאָס גאַנצע לערנען אין די חדרים קאַלעטשעט אונזערע קינדער; ווייטער לאָזען געהן ווי עס געהט, טאָר מען ניט. כָּל זְמַן די ערציהונגס־וויסענשאַפט איז נאָך געשטאַנען אויף אַ נידריגער מַדְרֵגָה און נאָך ניט געוועזען אַזוי פערברייטעט האָבען מיר צו אונזערע חדרים ניט געקענט האָבען קיין טַעֲנוֹת. אָבער איצט אַז מיר ווייסען פון בעסערע וועגען אין ערציהונג און אין לערנען, אַז מיר פיהלען שטאַרקער די שלעכטע זייטען און די חֶסְרוֹנוֹת פון אונזערע חדרים, טאָרען מיר די פראַגע וועגען ערציהונג ניט אָוועקמאַכען אונטער'ן האַנד, און מיר דאַרפען זעהן אויך אין אונזערע חדרים אַריבערצוטראָגען די פערבעסערונגען וועלכע די וויסענשאַפט איבער קינדער ערציהונג האָט געשאַפען.

נאָמיר אָנהויבען גלייך פון עִבְרִי אָן.

פאַר וואָס זאָל מען נאָך ביז איצט לערנען אין די חדרים עברי אַזוי ווי מיט הונדערטער יאָהרען פריהער: קָמֵץ אַלף אָ, קָמֵץ בֵּית בָּ און פערוועדען אַזוי פיעל צייט דאָס איינצודורענען אין די קעפּ, בְּעֵת עס האָבען זיך שוין אַזוי דייטליך אַרויסגעוויזען די מעלות פון דעם נייעם סיסטעם, נאָך וועלכעם מען רופט אָן די אותיות נור אַזוי ווי זיי ווערען געלייענט: ווייזענדיג אויף דעם אות בית זאָגט מען אַז דאָס איז בָּ, ווייזענדיג אויפ'ן קמץ זאָגט מען אַז דאָס איז אָ, פעראייניגענדיג ביידע צייכען צוזאַמען וועט גלייך יעדער קינד וויסען אַז דאָס לייענט מען בָּ אַז"וו. נעמט ווייטער ווי מען לערנט חומש ביי אונז. דאָס רוב קוקט מען נור דאָס קינד זאָל וויסען דעם טייטש פון די ווערטער, און אַז דאָס קינד זאָל פערשטעהן די איהם אונבעקאַנטע ווערטער, וועלכע ער הערט נור איין, האַלט מען פאַר גאַנץ איבריג. נאָך איבריגער איז עס דאָס קינד זאָל קענען איבערדערצעהלען אַ גאַנצע זאַך וואָס עס לערנט. שאַקלענדיג און שרייענדיג פערטייטשט אַ גאַנצע כִּתָּה פון קינדער מיט אַמאָל איינצעלנע ווערטער אָהן זין און אָהן צוזאַמענהאַנג. די ביבלישע העלדען בלייבען דעם גרעסטען טהייל קינדער פרעמד, די גאַנצע שענקייט פון די ביבלישע געשיכטען, איהר הויכע פּאָעזיע בלייבען פאַר אַלעמען גאַנץ אונבעקאַנט. די פרעמדע ווערטער און די נעמען ווערען קיינמאָל ניט ערקלערט. די נעמען פון אונזערע אַלטע העלדען, וועלכע פערברייטען אַזוי פיעל גלאַנץ איבער אונזער אַ מאָליגעס לעבען בלייבען פאַר די קינדער טויטע אותיות. עס איז טרויעריג גענוג ווען אין מאַנכע חדרים פערטייטשט מען אַ פָּסוּק צום ביישפּיעל אַזוי: „דִּבְרֵי די רייד, קֹהֶלֶת גאָר נישט, בֶּן דער זוהן, דָּוִד גאָר נישט, מֶלֶךְ דער קיניג, בִּירוּשָׁלַיִם גאָר נישט“.

און אין די בעסטע חדרים וואו מען לערנט שוין מיט פְּשַׁט איז דען בעסער, ווען מען פערטומעלט דעם קאָפּ מיט מִשְׁנָה'דיגע שְׁאֵלוֹת,

סוחרים זאָלען שטעהען אויף דער מַדְרֵגָה וואָס די צייט פֿאָדערט פֿון זיי און ס'איז אודאי שוין די העכסטע צייט אויך, אַז יודען, ווענינגסטענס אַ טהייל פֿון יודישען פֿאָלק, זאָל אויפֿהערען אַבהענגיג צו זיין פֿון האַנדעל מיט "זאַלץ און פּראָפּינאַציעס" און פֿיעלע אַנדערע "סְתַם־לופֿט־געשעפֿטען" און זיך בעשעפֿטיגען מיט ערדאַרבייט. נאָר חוץ די פֿראַגען ווי צו פֿערבעסערן די מאַטעריעלע זייט פֿון יודישען לעבען אין גאַליציען, — אויף וואָס מיר האָבען ליידער אַזוי וועניג אויסזיכטען, — חוץ דעם האָט די "צווייטע" אסיפה מיט איהר גאַנצען פּראָגראַם, ווען עס וואָלטען אין איהר זיך נישט געווען בעטהייליגט עטליכע טיכטיגע ציוניסטען, געמאַכט דעם איינדרוק אַז מיר לעבען אין גאַליציען טאַקי נאָך אין די "זיבציגער" יאָהרען, אין דער צייט ווען ד"ר ביק מיט זיין חברה "שומר ישראל" האָבען נישט געהאַט קיין אַנדערע דאגות ווי נור צו קעמפּפֿען נעגען חסידיזם און צו מאַכען יודען פֿאַר "פּאָליאַקען". און דעריבער האָבען מיר אויבען געזאָגט אַז ד"ר ביק האָט, דאַכט זיך, אַזאַ לאַנגע צייט געשלאָפֿען. אויפֿהאָפּענדיג זיך פֿון אַזאַ לאַנגען שלאָף ווייסען אונזערע קהל'ס פֿערזאָרגער אין גאַליציען נישט וואָס אין דער לאַנגער צייט זייט דער "ערשטער" אסיפה האָט זיך אַליין איבערגעטהון, אַז ס'זענען ניט מעהר די פֿינסטערע צייטען ווען דער חסידיזם האָט בעקעמפּפֿט די שולען און דער מאַנגעל אין בילדונג איז געווען די הויפּט־סבה פֿון יודישער אָרימקייט. וואו האָט זיך היינט, לְמָשָׁל, גענומען אַזוי פֿיעל יודישע אינטעליגענץ און שטודירטע וועלכע ווערען נישט צוגעלאָזט צו קיין איינציגען עפֿענטליכען אַמט און דער ד"ר ביק אַליין האָט פֿאַר איינעגע יאָהר דעריבער געמוזט זיך בעקלאָגען אין רייכסראַטה, וואָס ביי אַלע שטעלען, וועלכע ווערען אויסגעשריבען ווערט פֿון די קאַנדידאַטען פֿערלאַנגט אַז זיי זאָלען זיין קריסטען? קען מען זיך נאָך היינט אויך אַזוי ווי דעמאָלט בעקלאָגען אַז יודען שיקען נישט זייערע קינדער אין די שולען? האָט אפשר דאָס "לאַנד" ביי די טויזענדער יודישע פֿאַמיליעס אַוועקגענומען די פּרנסות דעריבער וואָס זיי זענען נישט געבילדעט און רעדען נישט קיין פּויליש, אָדער ווייל זיי זענען אַ מאָל אויף אַ יום טוב געפֿאָהרען צום רבי'ן? זענען אפשר די אַנטיסעמיטישע חברות "קולקאַ ראָלניטשע", וועלכע זענען פֿערשפּרייט אַזוי ווי אַ געדיכט נעץ איבער אַלע שטעדט און דערפֿער, נור געמאַכט געוואָרען אַקעגען "אונגעבילדעטע" סוחֲרִים, "חסידישע" יודען און אַזעלכע וואָס קענען נישט ריכטיג פּויליש רעדען? האָבען אפשר די עטליכע טויזענד יודישע אַרבייטער פֿון באָריסלאַוו דעריבער פֿערלאָרען זייער ברויט ווייל זיי האָבען ניט *געוואָלט* אַרבייטען, ביז די "צווייטע" אסיפה פֿון יודישע קהלות האָט אָנגענומען נאָך דעם רעפֿעראַט פֿון ד"ר ביק, אַז מען מוז ביי יודען וועקען דאָס *מאָראַלישע געפֿיהל* און די *ליעבע* צו *פֿיזישער אַרבייט*?

און צו דעם גאַנצען גרויסען עלענד, צו די אַלע שלעק און צָרוֹת וואָס יודען האָבען איבערגעהאַפּט אין גאַליציען אין די לעצטע יאָהרען האָבען די פֿערשלאָפֿענע חברה־לייט פֿון "שומר ישראל" נישט פֿערגעסען אין דער אַלטער באַבסקער־רְפוּאָה פֿון דער "ערשטער" אסיפה, אין דעם היילינגען נאַציאָנאַלען חוב פֿון די גאַליצישע קהל־שטיבליך איינצופֿיהרען ביי זיך די פּוילישע שפּראַך אַלס אָפֿיציעלע שפּראַך!

צום גליק איז — אויסער דעם יודישען דעפּוטאַטען ד"ר אַרנאָלד *ראַפּאַפּאָרט* (אַ איניקיל פֿון דעם פּראַגער גאון רש"ל ראַפּאַפּאָרט) וועלכער האָט כִּמְעַט מיט טהרערען אין די אויגען זיך געפֿרעהט דעריבער וואָס עס איז היינט פֿאַראַן אַזאַ יודישע יוגענד וועלכע רופֿען זיך ציוניסטען און זיי זענען די אמת'ע צוקונפֿט פֿון יודישען פֿאָלק, אויסער דעם איינעם דעפּוטאַטען וועלכער האָט אויף דער אסיפה אַרויסגעוויזען זיינע אמת'ע און אויפֿריכטיגע יודישע געפֿיהלען, איז אויף דער אסיפה געווען אַ היבשע צאָהל פֿון ציוניסטישע דעלעגאַטען, וועלכע זענען אַ לעבעדיגער פּראָטעסט געגען דעם לאַנגען 22 יעהריגען שלאָף. די ציוניסטען ד"ר *מאַלץ* און ד"ר *שטאַנד* האָבען דער חברה אסימילאַנטען פֿון די "זיבציגער" יאָהרען געוויזען אַז נישט דער גאַנצער געבילדעטער יונגער דוֹר איז פֿאַרקראָכען דאָרט אַהין, וואו די "ערשטע" אסיפה מיט דעם אַסימילאַנטענפּראָגראַם האָט זיי געוויזען דעם וועג, און אַז די אַלטע פּאָליטיק פֿון חֲנוּפָה צו די פּאָליאַקען האָט שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו געפֿינען אַזעלכע נאַראָנים וואָס זאָלען גלויבען, אַז די פּאָליאַקען וועלען אונז אַמאָל אַנערקענען אַלע זייערס גלייכען. זיי האָבען בעזונדערס דעם ד"ר ביק דערצעהלט אַז "ציון און ירושלים" זענען נישט נור סימבאָלע, ווי ער האָט זיך מיט עטליכע הדשים צוריק בעריהמט פֿאַר די פּוילישע פְּרִיצִים וועלכע זענען געווען צוגעגען ביי דעם חֲנוּכַּת־הַבַּיִת פֿון לעמבערגער קהל, און אַז עס וועט איהם איצט נישט מעהר געלינגען זיך בעריה־

---

— טאַקי אויסגעצייכענט! — האָט חוה צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. קין האָט געוואָרפֿען איין אויג אויף הבל, ווי איינער זאָגט: זעהסט...

— און דו, הבל, וואָס האָסט דו געבראַכט? — האָט אדם געפֿרעגט.

— טאַקי יאָ, וואָס האָסט דו, הבל, געבראַכט? — האָט חוה געפֿרעגט.

אויף דעם האָט הבל צוגעפֿיהרט איין אויסגעפּאַסעטע ציג און האָט געגעבען אָנצווייגען אַ ביסיל מילך דעם טאַטען און אַ ביסיל דער מאַמען, בעת ער האָט זי צוגעהאַלטען, זי זאָל זיך לאָזען ווייגען.

אדם איז גאָר ענטציקט געווען. הבל האָט איהם דערצעהלט ווי אַזוי ער איז געקומען אויף דעם איינפֿאַל און ביי קין האָבען שוין די אויגען געברענט פֿאַר קנאה. הבל האָט ווייטער דערצעהלט ווי קין האָט איהם געשטערט אין דער אַרבייט און קין האָט שוין נישט געקענט אויסהאַלטען פֿאַר עגמת־נפש, ער האָט זיך אָנגעהויבען צו פֿערטיידיגען און האָט מיט זיינע רייד דעם ברודער שטאַרק בעליידיגט.

— יאָ, מיין קינד! — האָט אדם געזאָגט — איך מוז זאָגען דעם אמת, אַז דיין ברודער הבל'ס אַרבייט געפֿעלט מיר בעסער ווי דיינע...

— טאַקי יאָ — האָט חוה געזאָגט — הבל'ס אַרבייט געפֿעלט מיר בעסער...

קין איז געוואָרען אונטערגעצונדען.

— וואָס? — האָט ער געשריען — דער פּוסטעפּאַסניק, דער ליידיגגעהער, דער בעל החלומות...

— עס בעדאַרף דיך נישט אַזוי שטאַרק צו פֿערדריסען! — האָט אדם געענפֿערט — דיין אַרבייט איז טאַקי אויך נישט אַוועק צו מאַכען מיט דער האַנד. זיין אַרבייט איז אָבער פֿיעל וויכטיגער. דו האָסט געאַרבעט פֿלייסיג אין פֿעלד, דאָס האָט אונז דער אויבערשטער געהייסען טהון און מיט דעם האָסט דו גאָר נישט אויפֿגעטהון קיין נייעס. דאָס וואָלט איך אַליין אויך געקענט. אָבער דאָס וואָס הבל האָט געטהון, דאָס הייסט שוין עפּיס געטהון, דאָס איז שוין טאַקי אַ שכל־זאַך...

— טאַקי אמת, קין־לעב! — האָט חוה געזאָגט — עס בעדאַרף דיך גאָר נישט צו פֿערדריסען. דיין אַרבייט איז אפילו נישט שלעכט, הבל'ס אַרבייט איז אָבער פֿאָרט וויכטיגער, ווייל זי איז אַ שכל־זאַך...

אין קין האָט עס אויפֿגעקאָכט פֿאַר רציחה. ער איז בייז געווען אויפֿ'ן טאַטען, אויף דער מאַמען און אַם מעהרסטען אויף הבל. ער האָט זיך אָבער נישט אָנגערופֿען קיין וואָרט. עטליכע מינוט איז ער נאָך געזעסען, דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעהויבען און איז אַוועקגעגאַנגען אָהן "אַ גוטען טאָג"...

אויף מאָרגען האָט ער הבל'ן דערהרג'ט... די געלעגענהייט איז שוין ממילא געקומען: איינס פֿון הבל'ס ציגעליך האָט זיך פֿערבלאָנקעט אין קין'ס פֿעלד אַריין, דאָס זעהענדיג איז קין אויפֿגעשפּרונגען פֿאַר כעס מיט אַ געשריי:

— קוקטס נור אָן דעם "פּאָליטיקער", ער וועט זיך שיקען זיינע ציגעליך פּאַסען אין מיין פֿעלד אַריין...

און בעת ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער אָבגעבראָכען אַ צווייג פֿון אַ בוים און האָט הבל'ן אַזוי לאַנג געשלאָגען איבער'ן קאָפּ, ביז ער איז געבליבען ליגען טויט...

* * *

צוויי ברידער זענען געווען און ביידע האָבען געוואָלט דאָסזעלבע. זיי האָבען געזוכט פּרנסה, זיי האָבען געוואָלט לעבען. ביידע האָבען געהאַט דאָסזעלבע ציעל פֿאַר די אויגען, נאָר יעדער האָט געוואָלט דערצו קומען אויף איין אַנדער אופן און זיי האָבען נישט געקענט פֿערשטעהן, אַז יעדעס ציעל האָט עטליכע וועגען. דערום איז איינער בייז געווען אויף דעם צווייטען: פֿאַר וואָס ער וויל נישט געהן מיט דעמזעלבען וועג וואָס ער און טהון דאָסזעלבע וואָס ער...

גרשם באַדער.

מען אַז דאָס יודענטהום וויל ערציהען זיין יוגענד אין פויליׅשען גייסט. דער ציוניזם וועט עס נישט דערלאָזען צו מאַכען אַנדערע פּאָליטיק ווי יודישע, ד. ה. נאַציאָנאַל־יודישע, ווייל נור אַזאַ פּאָליטיק וועלכע וויל בעשאַפען אַ יודיש־נאַציאָנאַלען מיטעלפּונקט פאַר יודען אין ארץ־ישראל, איז אים שטאַנד דעם גאַליציישען יודען־עלענד צו העלפען, וועלכער איז נור אַ טהייל פון דער אַלגעמיינער יודען־נויט אין דער גאַנצער וועלט.

אויך דער אָרטהאָדאָקסער רב לעווין פון ראהאטין האָט געמאַכט איין אינטערעסאַנטע בעמערקונג אויף דער אסיפה, וועלכע האָט ביי די לעמבערגער קהל׳ס פּערזאָרגער נעקענט דערוועקען דעם חשד אַז דאָס וואָס זייער „זעעלזאָרגער" ד״ר קאַראָ האָט זיי ערשט אחרון של פסח געפּרעדיגט „אַז אַ יוד טאָר נישט זיין קיין ציוניסט", איז גאָר נישט אמת. הרב לעווין האָט גאַנץ קלאָר און דייטליך ערקלערט: „אַלע קאָנסערוואַטיווע, פרומע יודען און רבנים מוזען זיין ציוניסטען; זיי מוזען זיין ציוניסטען ווייל זיי זענען יודען! ציון איז אונזער גאַנץ לעבען, אונזער גאַנצע האָפנונג"...

אָט דערמיט וואָס די ציוניסטען האָבען אַריינגעבראַכט לעבען אין דער גאַנצער „צווייטער" אסיפה האָבען זי בעוויזען אַז די צייטען האָבען זיך אפילו אין גאַליציען שטאַרק געענדערט און אַז די פּערזאָרגערס וועלען נישט מעהר קענען איינשלעפערן דאָס פאָלק אין אַ זיסען הנופה־שלאָף, עס זאָל 22 יאָהר דורכאַנאַנד נישט וויסען וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. אין די פערשידענע קאָמיסיאָנען וועלכע האָבען צו בעראטהען איבער אַלע פּראָיעקטען וועלכע זענען ביי דער אסיפה געשטעלט געוואָרען, זענען אויך 4 ציוניסטען אויסגעקליבען געוואָרען. זיי וועלען זיך אודאי בעשטרעבען מיט אַלע כחות, אַז די קאָמיסיאָנען זאָלען אַרבייטען, יודיש אַרבייטען, און אַז די „שטענדיגע קאָמיסיאָן" וועלכע איז אויסגעקליבען געוואָרען ביי דער „צווייטער" אסיפה פון יודישע קהלות אין גאַליציען זאָל נישט שלאָפען אַזוי לאַנג ווי די „שטענדיגע קאָמיסיאָן" וועלכע איז אויסגעקליבען געוואָרען ביי דער „ערשטע" אסיפה און נישט מעהר זינגען די אַלטע ליעדליך וועלכע מען האָט געזונגען מיט 22 יאָהר צוריק.

מ. בערקאָוויטש.

---

## די פּאַרטייען אין ציוניזם.

דעם ציוניסטען־קאָנגרעס האָבען אַ טהייל אַ נאָמען געגעבען „דאָס יודישע פּאַרלאַמענט". אין די לענדער וואו עס איז דאָ אַ פּאַרלאַמענט שיקט דאָס גאַנצע פאָלק זיינע פערטרעטער אַהין. צום קאָנגרעס שיקט דערוויל נור זעהר אַ קליינער טהייל פון יודישען פאָלק זיינע פערטרעטער, מען קען אַלזאָ מיינען אַז מיר רופען מיט אונרעכט „פּאַרלאַמענט" אונזער קאָנגרעס. נאָר דאָך האָבען מיר אויף דעם פאָלקאָמען רעכט.

נאַטירליך, פערטרעטער אין פולעם זין פון׳ם וואָרט, ווי מען פערשטעהט דאָס וואָרט אין יענע לענדער, האָבען מיר זעהר ווייניג, דען אונזערע ציוניסטען, אָדער ריכטיגער געזאָגט די שֶקל צאָהלער פערשטעהען נאָך ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין דאָס וואָרט „פערטרעטער", זיי ווייסען נאָך ניט גענוג אַז דער פערטרעטער מוז זיך אָבזאָגען פון אַלע זיינע פּערזענליכע מיינונגען און מוז אַזוי פערהאַנדלען ווי עס פערלאַנגען זיינע אויסקלייבער. — ווען ניט, קען ער ניט אָננעהמען אַ פערטרעטונג, און ניט וויסענדיג דאָס שיקען די שקל־צאָהלער אַבי ווען. נאָר מיר זעהען דאָך אַז אין דער היינזיכט האָבען זיי אין איין יאָהר גרויסע פּאָרטשריטע געמאַכט און מיר קענען האָפען אַז אויף די שפּעטערדיגע קאָנגרעסען וועלען מיר האָבען ווירקליכע פערטרעטער פון אַלע ציוניסטען.

מיר זאָגען פערטרעטער פון אַלע ציוניסטען. דאָס איז אייגענטליך דאָסזעלבע ווי פערטרעטער פון גאַנצען פאָלק. אין יעדען פּאַרלאַמענט שיקט יעדע פּאַרטיי איהרע פערטרעטער. ווען מיר רעדען אָבער פון די ציוניסטען בִּכְלָל, קענען מיר זיי ניט אָנרופען „ציוניסטישע־פּאַרטיי". אין יעדער פּאַרטיי מוזען אַלע מיטגליעדער איבער געוויסע זאַכען האָבען איין מיינונג. זיי קענען זיין צום ביישפּיל פּאָליטיש אייניג אָדער זיי קענען זיין רעליגיעז פעראייניגט אָדער וויסענשאַפטליך א. ד. ג. נעמט אָבער בעטראַכט די ציוניסטען, וואָס פאַר אַ וויר־וואַר ווערט איהר דאָרט געפינען! אַ רַב נעבען אַ גָלוּחַ, אַ חָסִיד נעבען אַ מִתְנַגֵד א. ד. ג. אַלערליי מינים מענשען וועט איהר דאָ געפינען. מענשען מיט ענטגעגענגעזעצטע מיינונגען, וואָס האָבען אַ פערשידענע ערציהונג בעקומען, פערשידען געבילדעט אָדער ניט־געבילדעט, קוקען אויף דער וועלט מיט פערשידענע אויגען א. ז. וו.

אַזעלכע מינים מענשען קענען דאָך ניט בילדען איין פּאַרטיי! נאָר, וואָס האַלט די אַלע מענשען צוזאַמען? דער איינער געדאַנק וואָס זיי געהערען צו איין פאָלק וועלכעס ווערט שוין אַזוי פיעל יאָהרען געפּלאָגט און געיאָגט — וועלכעם מען מוז העלפען, האַלט זיי פעסט אינאיינעם.

די יודען־פראַגע עקזיסטירט אָבער ניט בלויז פאַר די ציוניסטען, זי געהערט, ווי איהר נאָמען זאָגט שוין, דעם גאַנצען פאָלק. אין זייער אַרבייט צו ענטשיידען די ביטערע פראַגע ענטשיידען די ציוניסטען אַ פאָלקס־פראַגע, ניט נור אַ פראַגע וועלכע אינטערעסירט איין פּאַרטיי. די ציוניסטען האָבען קיין אייגענע אינטערעסען; די יודישע פאָלקס־אינטערעסען דאָס זענען די אינטערעסען פון די ציוניסטען און אָט דערפאַר טאַקי זאָגען מיר אַז די ציוניסטען זענען די פערטרעטער פון גאַנצען פאָלק, דערפאַר רופען מיר דעם ציוניסטען־קאָנגרעס דאָס יודישע פּאַרלאַמענט אָדער „פאָלקס־פערטרעטונג". —

מיר האָבען געזאָגט אַז די ציוניסטען בכלל קענען זיך מיט רעכט אָנרופען די פערטרעטער פון גאַנצען פאָלק. דאָס הייסט אָבער נאָך ניט אַז אַלע ציוניסטען זענען פאָלקספערטרעטער. צו זיין אַ פאָלקס־פערטרעטער איז נאָך ניט גענוג צו האָבען די אייגענע אינטערעסען ווי דאָס פאָלק.

מיר וועלען באַלד ערקלערען וואָס מיר מיינען. דערוויל מוזען מיר בעמערקען אַז דאָ ווילען מיר ניט שמועסען פון די פערשידענע שטרעמונגען אין ציוניזם ווי לְמָשָל פון קולטור־ציוניזם, קאָלאָניזאַציאָן־ציוניזם און פּאָליטישען־ציוניזם. עס איז בעקאַנט אַז יעדער ציוניסט האָט זיין ציוניזם, יעדער געפינט אין ציוניזם דאָס וואָס איהם ווילט זיך געפינען. די פערשידענע שטרעמונגען אין ציוניזם האָבען כְּלַל ניט צו טהון מיט דער „פערטרעטונג".

מיר ווילען דאָ רעדען פון די פּאַרטייען ביי די ציוניסטען. אין יודישען פאָלק זענען פון אייביג אָן געוועזען פערשידענע סעקטען (פּאַרטייען) סיי דאַמאַלס ווען דאָס יודישע פאָלק האָט געפיהרט אַ זעלבסטשטענדיג־לעבען, סיי שפּעטער אין גָלוּת. אַצונד, אַז מיר הויבען אָן ווידער אויפצולעבען הויבען זיך אָן אויסבילדען פערשידענע פּאַרטייען.

אין יעדען פּאַרלאַמענט זענען פאַראַנען פערשידענע פּאַרטייען. אויך אין אונזער „פּאַרלאַמענט", אין קאָנגרעס וואוהין עס פאָהרען זיך צונויף גאַנץ פערשידענע מענשען, אויך דאָרט מוזען זיך פּאַרטייען בילדען.

מיר זענען געוואָהנט צו רעדען פון „אויסלענדישע" און פון „רוסישע" ציוניסטען. אייגענטליך קען אויף דעם ערשטען בליק ווי וואונדערבאַר אויסווייזען וואָס מען מאַכט אַ אונטערשיעד, וואָס מען בעצייכענט די ציוניסטען נאָכ׳ן אָרט נאָך? איז דען ניט איינס און דאָסזעלבע צי איז אַ ציוניסט אויס קאָוונע אָדער אויס וויען? געוויס, דאָס אָרט איינגענטליך שפּיעלט דאָ קיין שום ראָלע. נאָר דאָך קענען מיר אַ אונטערשיד מאַכען.

יעדער ווייס אַז די גרויסע אָרימע מאַסע פון יודישען פאָלק וואָהנט אין רוסלאַנד, גאַליציען און רומעניען, דאָס רוב פון די ציוניסטען זענען אויס רוסלאַנד. די רוסישע ציוניסטען שטאַמען — על פּי רוב — אויס׳ן פאָלק, פערשטעהען דאָס פאָלק און דאָס פאָלק פערשטעהט זיי. אויך איבערלעבען זיי און פיהלען די זעלבע צָרוֹת וואָס דאָס פאָלק איבערלעבט און פיהלט. ניט אַזוי אין מַעֲרָב אייראָפּאַ; דאָרט, איז ערשטענס דאָס יודישע פאָלק, די מאַסע, ניט אַזוי אָרים און צווייטענס — און דאָס איז דער עִיקָר, די דאָרטיגע ציוניסטען זענען — על פּי רוב — ניט אויפגעוואַקסען אין פאָלק, זיי פאַרשטעהען ניט און קענען ניט דאָס פאָלק ווי דאָס פאָלק פערשטעהט זיי ניט און קען זיי ניט. זיי — די דאָרטיגע

ציוניסטען — זייענדיג על פי רוב דיפּלאָמירטע ווי יוריסטען, דאָקטוירים, אַרכיטעקטען, אַפּטייקער א. ז. וו. קוקען אויפ'ן פֿאָלק פֿון אויבען אַראָב.

ד"ר הערצל אַליין האָט דאָס יודישע פֿאָלק ניט אָנגעהויבען צו קענען. פֿון די ביכער ערשט איז ער געוואָהר געוואָרען אַז עס עקזיסטירט אַ יודיש פֿאָלק וועלכעס מען מוטשעט שוין טויזענדער יאָהרען. פֿון דער בעקאַנטשאַפֿט מיט ליטעראַטען איז ער געוואָהר געוואָרען אַז די לופֿט איז פֿול מיט אַנטיסעמיטיזם, אַז עס איז פּשוט ניט מעהר אַריבערצוטראָגען און אַלס עדלער מענש, אַלס געבילדעטער מענש זענען זיינע געפֿיהלען אַרויסגעטרעטען געגען דער אונגערעכטיגקייט, געגען דעם שווינדעל פֿון די אַנטיסעמיטען און האָט אָנגעשריבען זיין ביכעל "דער יודענשטאַאַט" פֿון וועלכען מען דערקענט תּיכּף אַז ער קען כּלל ניט דאָס יודישע פֿאָלק וועלכען ער וויל העלפֿען. דאָסזעלבע ד"ר נאָרדוי און אַזוי כּמעט אַלע אויסלענדישע ציוניסטען.

אַז מיר בעצייכנען אַלזאָ געוויסע ציוניסטען נאָך דעם אָרט נאָך, מיינען מיר דערמיט די ערציעהונג, די בילדונג, דעם כאַראַקטער א. ז. וו. פֿון יענע ציוניסטען. בעסער און דייטליכער וועט זיין אַז מיר וועלען בעצייכנען די דאָזיגע ציוניסטען וועלכע קענען ניט דאָס פֿאָלק, וועלכע קוקען פֿון אויבען אַראָב אויף דעם פֿאָלק, אַלס "אַריסטאָקראַטישע" ציוניסטען, די אַנדערע אָבער וואָס שטאַמען פֿון פֿאָלק, וואָס לעבען מיט'ן פֿאָלק, פֿאַר'ן פֿאָלק, וועלכע זענען אַליין אַ שטיק פֿאָלק, אַלס "דעמאָקראַטישע" ציוניסטען.

דעמאָקראַטישע און אַריסטאָקראַטישע ציוניסטען, אָט דאָס זענען אַצונד די צוויי הויפּטפּאַרטייען אונטער די ציוניסטען, און וואו די ציוניסטען קומען זיך צינויף, אויף אַ קליינער אַסיפֿה צי אויפ'ן קאָנגרעס, דאָרטען זעהען מיר דייטליך די צוויי פּאַרטייען מלחמה האַלטען; יעדע וויל נאַטירליך מנצח זיין.

נאָר וואָס איז דער אונטערשיד פֿון די דאָזיגע צוויי פּאַרטייען?

די דעמאָקראַטישע ווי די אַריסטאָקראַטישע ציוניסטען זענען אין גאַנצען איבערגעגעבען דעם יודישען פֿאָלק. אַלע מיינען נור דעם פֿאָלקס טובה, נאָר דאָך איז אַ געוואַלטיגער אונטערשיד צווישען זיי:

די דעמאָקראַטישע ציוניסטען זאָגען אַז יעדעס פֿאָלק קען נור דאַמאַלס געהאָלפֿען ווערען ווען עס וועט זיך אַליין העלפֿען. דאָס פֿאָלק — זאָגען זיי — איז ניט אַ קינד וועלכעס מען דאַרף פֿיהרען, ניט לאָזען אַליין געהן, ווייל עס וועט פֿאַלען. דער הייליגער חוב פֿון יעדען דעמאָקראַטישען ציוניסט איז זיך סטאַרען נאָך מעגליכקייט אַז דאָס פֿאָלק זאָל אַליין געהן, וואָס מעהר זעלבסטשטענדיג זיין, אַליין פֿערטהיידיגען זיינע אינטערעסען, ניט זיך פֿערלאָזען אויף די "גרויסע", אויף די "פֿיהרער". קורץ אויסגעדריקט הייסט עס: פֿאַר דאָס פֿאָלק און דורך דאָס פֿאָלק".

די אַריסטאָקראַטישע ציוניסטען אָבער בעטראַכטען דאָס פֿאָלק אַלס אַ אייביג קינד, וועלכען מאַן מוז תּמיד העלפֿען, וועלכעס מען מוז תּמיד פֿיהרען, וועלכעס אַלס קינד מוז "פֿאָלגען אַ עלטערן". קורץ ביי די אַריסטאָקראַטישע ציוניסטען הייסט עס אויך "פֿאַר דאָס פֿאָלק", אָבער ניט "דורך דאָס פֿאָלק".

מיר האַלטען עס ניט פֿאַר נייטהיג אָנצוווייזען וועלכער פֿון די צוויי מינים איז דער אמת'ער פֿערטרעטער פֿון פֿאָלק. עס איז ניט נייטהיג, ווייל עס איז גאַנץ קלאָר וועלכען מיר האַלטען פֿאַר'ן ריכטיגען פֿערטרעטער. דער לעזער אָבער וועט געוויס מעסטען נאָך זיין מאָס... דאָס הייסט אויב ער איז אַ אַריסטאָקראַט וועט איהם דער אַריסטאָקראַטישער ציוניסט געפֿעלען און פֿערקעהרט.

אונזער צוועק איז נור אָנצוווייזען, קלאָר צו אונטערשיידען די פּאַרטייען אונטער די ציוניסטען. דאָס איז זעהר וויכטיג פֿאַר אונזער "פּאַרלאַמענט" וואוהין מיר דאַרפֿען שיקען אונזערע פֿערטרעטער.

מיר האָבען פֿריהער געזאָגט אַז די צוויי פּאַרטייען פֿיהרען תּמיד צווישען זיך אַ מלחמה. אַלס דאָס בעסטע ביישפּיעל קען אונז דינען איינע אַ פֿראַגע פֿון דריטען ציוניסטען־קאָנגרעס, אַ פֿראַגע וועלכע האָט דאָס בלוט פֿון די דעמאָקראַטישע דעלעגאַטען שרעקליך אויפֿגעקאָכט, אויפֿגערעגט. דאָס איז די פֿראַגע: צי זאָל מען שיינקען אויף אייביג "גרינדער־אַקציעס" פֿון דער יודישער באַנק צי ניין? די אַריסטאָקראַטישע דעלעגאַטען האָבען נאַטירליך פֿערלאַנגט מען זאָל יאָ שיינקען, ווייל נאָך זייער מיינונג נאָך קענען די פֿיהרער גרעסערע רעכטע בעקומען. די דעמאָקראַטישע דעלעגאַטען זענען אָבער וועגען דעם שטאַרק אויפֿגעבראַכט געוואָרען. זיי האָבען ניט געקענט בּשום אופֿן דערלאָזען אַז מען זאָל ערשטענס אויף אייביג אַוועקשיינקען די אַקציעס און צווייטענס ווען שוין יאָ שיינקען — דאַן זאָל דער קאָנגרעס אַליין שיינקען און דער קאָנגרעס זאָל אויך קענען אָבנעהמען, אויב ער וועט זעהען אַז ער האָט אַ פֿעהלער געמאַכט...

אויב די לעזער וועלען זיך ביי יעדער אַסיפֿה צוקוקען וועלען זיי בעמערקען די "מלחמה" צווישען די ביידע פּאַרטייען. די מלחמה וועט ניט אַזוי גיך אויפֿהערען. זי וועט אַזוי לאַנג דויערן ביז איין פּאַרטיי וועט מנצח זיין.

שפּעטער וועט געוויס מעהר פּאַרטייען ביי די ציוניסטען זיין. נאָר אַצונד אָבער קענען מיר נור פֿון די צוויי פּאַרטייען רעדען.

די שפּעטערדיגע קאָנגרעסען וועלען בעווייזען ווי ווייט אונזערע ציוניסטען, ווי ווייט דאָס פֿאָלק פֿערשטעהט ווער עס זענען זיינע ווירקליכע פֿערטרעטער, ווי ווייט עס איז פּאָליטיש ערצויגען.

יחזקאל וואַרטסמאַנן, סטוד. פֿהיל.

---

## פּאָליטישע איבערזיכט.

דער זיבעטער חדש פֿון דער מלחמה האָט זיך געענדיגט מיט אַ וויכטיגען נצחון פֿאַר די ענגלענדער. ראָבערטס, וואָס איז אַ גאַנצען חדש רוהיג געזעסען אין בלעמפֿאָנטיין, האָט ענדליך געקראָגען פֿערד פֿאַר זיינע רייטער און איז אַרויס געטרעטען מיט זיין גרויסען חיל אויפ'ן וועג קיין קראָנשטאַדט, וואוהין די אָראַניער האָבען אַריבערגעטראָגען זייער הויפּטשטאָדט. פֿריהער האָט מען געוואַרט אויף אַ גרויסע שלאַכט ביי ווענער, דערנאָך ביי דער שטאָדט טאַבאַנטשו, וואו די בויערען זענען געווען שטאַרק בעפֿעסטיגט. די בויערען אָבער האָבען אין די ביידע ערטער אויסגעוויכט זיך צו בעגעגענען מיט ראָבערטסען און זיי האָבען צונויפֿגעצויגען זייער חיל ביי זייער נייער הויפּטשטאָדט. קראָנשטאַדט איז אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זייטען מיט הויכע בערג און מען האָט גערעכענט אַז דאָ וועט אויסקומען ראָבערטסען זיך צו בעגעגענען מיט דער ווילדער גבורה און עקשנות פֿון די בויערען. ווי זענען אָבער די ענגלענדער געווען פֿערוואונדערט אַז צוגעהענדיג צו קראָנשטאַדט האָבען זיי געפֿונען אַרום פּוסטע פֿעלדער און אַ ליידיגע שטאָדט. מיט אַ טאָג פֿריהער האָבען די בויערען בעשלאָסען אָבצוטרעטען זייער נייע הויפּטשטאָדט אָהן מלחמה, און ראָבערטסען איז בעשערט געוואָרען נאָך אַ מאָל צו ברייגען ענגלאַנד די פֿרעהליכע בשורה פֿון אַזאַ גרינגען נצחון.

3 חדשים איז שוין זינט דער אַלטער 64 יעהריגער ראָבערטס איז הויפּטפֿיהרער פֿון ענגלישען חיל אין אַפֿריקא, און וויפֿיעל איז אין דער צייט ערהייכט געוואָרען! עס איז בעפֿרייט געוואָרען די בעלאַגערטע שטאָדט קימבערליי, עס איז געפֿאַנגען געוואָרען קראָניע, איינער פֿון די בעסטע בויערשע גענעראַלען, עס זענען איינגענומען געוואָרען בלעמפֿאָנטיין און איצט קראָנשטאַדט. כמעט גאַנץ אָראַניען ליגט שוין ביי די ענגלענדער אין די הענד און איצט איז זיי נור געבליבען זיך צו נעהמען צו טראַנסוואַל. דאָס איז אפילו ניט קיין לייכט שטיקיל אַרבייט, דען געגען טראַנסוואַל קען שוין ראָבערטס ניט אַרויסטרעטען מיט אַזוי פֿיעל סאָלדאַטען ווי געגען אָראַניען, ווייל וואָס ער דערווייטערט זיך מעהר פֿון קאַפּלאַנד מוז ער אַליץ מעהר סאָלדאַטען לאָזען אויפ'ן וועג צו היטען די אייזענבאַהנען און די איינגענומענע שטעדט. דאָס אייגענטליך ווילען די בויערען, זיי ווילען אַליץ אָבשוואַכען ראָבערטס'עס חיל, ביז וואַנעט זיי וועלען קענען אַרויסטרעטען געגען איהם אין אָפֿענעם פֿעלד. דערווייל סטאַרען זיך נור די בויערען צו שטערען ראָבערטסען אין זיין וועג, זיי צושטערען די אייזענבאַהנען וואָס פֿעראייניגען זיין חיל מיט קאַפּלאַנד און פֿאַלען אָן אויף די קליינע אַרמעען וואָס מוזען זיין צוואָרפֿען אין פֿערשיעדענע טהיילען פֿון אָראַניען.

לאַנג אָבער וועלען די בויערען זיך דאָך ניט קענען האַלטען געגען דעם שונא וואָס איז פֿיעל מאָל שטאַרקער פֿאַר זיי, און אויב עס וועט נור ניט קומען קיין הילף פֿון אַ זייט וועלען דיביידע רעפובליקען מוזען אונטערגעהן. די האָפֿענונג אויף פֿרעמדע הילף איז ביי די בויערען זעהר שטאַרק און מיט אונגעדולד וואַרטען זיי וואָס וועט דערגרייכען זייער דעפוטאַציע אין אַמעריקאַ.

דערווייל נעהמט מען אָן די בויערשע דעפוטאַציע מיט גרויס כבוד און התלהבות. אין אַלע גרויסע שטעדט פֿון די פֿעראייניגטע שטאַטען זענען גרויסע פֿאָלקספֿערזאַמלונגען וואו מען פֿאָדערט אויף דעם פרעזידענטען זיך אָנצונעהמען פֿאַר די אומגליקליכע העלדען, וועלכע פֿערטהיידיגען זייער פֿרייהייט געגען די ענגלענדער, פֿון וועלכע די אַמעריקאַנער האָבען זיך בעפֿרייט מיט אַן'ערך פֿון 100 יאָהר צוריק. פֿון 60 שטעדט האָט די דעפוטאציע נעקראָגען איינלאַדונגען צו קומען. דער פרעזידענט מאַק קינליי, וואָס האָט פֿריהער גערעכענט ניט אָנצונעהמען די דעפוטאַציע, האָט געמוזט נאָכגעבען דעם פֿאָלקס פֿאָדערונגען און האָט יעצט בעשלאָסען זי אָנצונעהמען. די דעפוטאַציע רעכענט אויב זי וועט גאָר נישט פועל'ן ביי דעם פרעזידענטען זיך ווענדען צו דעם אַמעריקאַנישען פֿאָלק און בעטען ביי איהם הילף.

די אונרוהען אין בולגאַריען ווערען שטילער. די פויערים, וואָס האָבען געבונטעוועט זיך געגען דער רעגירונג, זענען צולאָפֿען דערזעהענדיג, דאָס די סאָלדאַטען זענען ניט איבערגענאַנגען אויף זייער זייט. זיי זענען שטיל געוואָרען ניט דערפֿאַר ווייל זיי זענען בערוהיגט געוואָרען און ניט דערפֿאַר וואס זייערע פֿאָדערונגען זענען אָנגענומען געוואָרען. אונצופֿריעדען מיט זייער רעגירונג זענען זיי זיך צוגאַנגען אַהיים בעהאַלטענדיג ביי זיך אין האַרצען אַ שנאה, וועלכע קען ביי יעדער געלעגענהייט ווידער אָנגעצונדען ווערען.

גרויסע אונרוהען זענען איצטער אין איין אַנדער לאַנד — אין שפּאַניען, וועלכעס שטאַרבט מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר און מעהר אָב. נאָך איהר לעצטער מלחמה מיט אַמעריקאַ האָט זי פֿערלאָרען איהרע רייכסטע קאָלאָניעס, איהר גאַנצען פֿלאָט און אריינגעפֿאַלען אין אַ ים פֿון חובות, פֿון וועלכען זי קען בשום אופֿן ניט אַרויס. צרות און אומגליקען אין פֿאָלקסלעבען אַזוי ווי אין לעבען פֿון איינצעלע מענשען זענען אָפֿט זעהר ניצליך, וויל זיי ווייזען אויף קראַנקע זייטען, וועלכע דאַרפֿען אויסגעבעסערט ווערען, זיי וועקען אין פֿאָלק די אַנטשלאָפֿענע קראַפֿט צו אַרבייט, שטאַרקען זיין ווילען און דאָס געפֿיהל צו גערעכטיגקייט. שפּאַניען אָבער האָט זיך פֿון איהרע קלעפּ וואָס זי קריגט נאָך אַנאַנד אין פֿערלויף פֿון 400 יאָהר גאָר ניט פֿערבעסערט. אויך איצט ווערט דאָס פֿאָלק שטאַרק אונטערדריקט, די בילדונג שטעהט אויף זעהר אַ נידריגער מדרגה, שחד איז אומעטום, דער פֿינסטערער פֿאַנאַטיזם געוועלטיגט נאָך עד היום אין לאַנד. דער האַנדעל און די פֿאַבריקאַציאָן קענען ניט וואַקסען ווענען די גרויסע אָבצאַהלונגען. זוכענדיג ווי צו קריגען געלד צו צאָהלען די חובות, האָט די רעגירונג אַרויפגעלעגט איצט נייע גרויסע אָבצאָהלונגען אויף געשעפֿטען און פֿאַבריקען. די מיטגליעדער פֿון דער חברה „נאַציאָנאַלע פֿעראייניגונג" זענען אַרויסגעטרעטען מיט שאַרפֿע רייד געגען די רעגירונג און אויפֿגעהעצט דאָס פֿאָלק מען זאָל די נייע אָבצאַהלונגען ניט אָננעהמען. די אַגיטאַציע פֿון דער חברה האָט געמאַכט אַ רושם און אין פֿיעל שטעדט האָבען די קרעמער צוגעמאַכט זייערע קראָמען, די פֿאַבריקען האָבען איינגעשטעלט זייער אַרבייט, די רעגירונג ווערט אומעטום בעליידיגט, אין פֿיעל שטעדט זענען געווען געשלעג צווישען דעם אייפֿגערייצטען פֿאָלק און די סאָלדאַטען. און בּעת אין גאַנצען לאַנד הערשען אַזוינע אונרוהען ווערט אַלץ שטאַרקער אין איניגע פּראָווינצען דער פֿערלאַנג זיך אָבצורייסען אין גאַנצען פֿון שפּאַניען און צו מאַכען זעלבסטשטענדיגע מלוכות. די אונרוהען וועלען מסתמא איינגעשטילט ווערען, און די פּראָווינצען וועלען מסתמא זיך נאָך ניט אָברייסען, יעדענפֿאַלס בעווייזט די איצטיגע בעוועגונג ווי טיעף שפּאַניען איז געפֿאַלען און ווי דער גאַנצער בּנין פֿון איהר מלוכה האַלט אין איין טרייסלען זיך.

די וואַהלען אין די פראַנצויזישע מאַגיסטראַטען האָבען זיך שוין געענדיגט. די גרעסטע צאָהל פֿון די אויסגעקליבענע געהערט צו דער רעפובליקאַנישער פארטיי, מיט די וואַהלען האָט פֿראַנקרייך בעוויזען אַז די יסודות פֿון איהר רעפובליק זענען גאָר ניט אַזוי שוואַך ווי מען האָט געקענט מיינען. דורך די איצטיגע וואַהלען האָט דער גרעסטער טהייל פֿון פֿאָלק אויסגעדריקט זיין צוגעבונדענקייט צו דער רעפובליק און די צופֿרידענהייט מיט דער איצטיגער רעגירונג. נור אין פאַריז האָבען בעקומען די אָבערהאַנד די מאָנאַרכיסטען, אַנטיסעמיטען און קאַטאָליקען. די פּאַריזער געמיינדע קריגט איצט אויך אַזאַ מאַגיסטראַט ווי אַן'ערך דער וויענער, וואָס וועט מסתמא ניט איינמאָל געפֿינען די מעגליכקייט אָנצופֿאַלען אויף די פֿרייערע שטרעמונגען אין פֿאָלק און אָנצומאַכען סקאַנדאַלען געגען יודען.

אין די אייראָפּעאישע הויפּטשטעדט וואַרט מען אויף אַ וויזיט פֿון דעם פּערזישען מלך. ער איז שוין אַרויסגעפֿאָהרען פֿון זיין לאַנד מיט אַ גרויסער סוויעט. דעם ערשטען וויזיט וועט ער מאַכען דעם רוסישען קייזער. צווישען די אייראָפּעאישע שטעדט וועט ער אויך קומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיין וויזיט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט פֿיעל פֿון זיך געלאָזט רעדען. דער טערקישער סולטאַן ווערט גערעכענט ביי די מעהרסטען מאַהמעדאַנער פֿאַר דעם פֿערטרעטער פֿון מאַהמעד אויף דער וועלט. די פּערזער אָבער געהערען צו אַ'נאַנדער מאַהמעדאַנישער סעקטע, וועלכע גלויבט ניט אין די הייליגקייט פֿון סולטאַן, דערפֿאַר האָט מען גערדאַרפֿט אויסשטעהן פֿיעל שוועריגקייטען ביז עס איז געפֿונען געוואָרען די מעגליכקייט דער מלך פֿון פרס זאָל קענען קומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער וויזיט קען אויך האָבען אַ וויכטיגע בעדייטונג. אין טערקיי און אין פרס פֿיהלט מען צו שטאַרק ווי די שנאה פֿון די אייראָפּעער צו זיי מאַכט זיי אַלץ שוואַכער און שוואַכער, און עס איז דערום קיין וואונדער ניט וואָס אין טערקיי און אין פרס געפֿינען זיך מענשען, וועלכע אַגיטירען פֿאַר אחדות צווישען די מאַהמעדאַנער פֿון דער גאַנצער וועלט. „מאַהמעדאַנער זענען אויף דער וועלט כמעט ניט ווייניגער ווי קריסטען, שרייבען די טערקישע צייטונגען, מיר ווערען אָבער איינגעשלונגען ווייל מיר זענען צוּוואָרפֿען און צושפּרייט. נור אחדות צווישען אונז קען אונז צוריקגעבען אונזער קראַפֿט, וועלכע מיר הויבען אָן צו פֿערלירען".

י. ל.

---

## בריעף פֿון ארץ ישראל.

ענדליך האָט אונזער ישוב דערלעבט די צייט, אויף וועלכע מען האָט אַזוי פֿיעל יאָהר געוואַרט! זייט די דריי וואָכען, וואָס דער ה. מאירזאהן אַלס פֿאָרשטעהער פֿון דער חברה "יק"א" איז אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ענטדעקען זיך אַלץ מעהר די שרעקליכע אונאָרדענונגען, וועלכע זענען די גאַנצע צייט פֿאָרגעקומען אין דעם באַראָן'ס קאָלאָניעס און פֿון וועלכע עס האָבען געליטען די קאָלאָניסטען און מיט זיי דער גאַנצער ישוב. ה. מאירזאָהן טהוט נאָך דערווייל גאָר ניט: ער הערט נור, שרייבט און צייכענט; ער שטודירט ערנסט די לאַגע פֿון די קאָלאָניעס און זייער פֿערגאַנגענהייט.

האָטש ער איז אָם ערשטען אָנגעקומען אין זכרון יעקב, אָבער זיינע ערנסטע אַרבייט האָט ער אנגעפֿאַנגען פֿון ראשון לציון.

אין זכרון יעקב האָט ער נור בערוהיגט די קאָלאָניסטען, דאָס ער וועט פֿאַר זיי טהון אַלעס וואָס עס וועט נור זיין מעגליך; אָבער יעצט בעט ער, זיי זאָלען רוהיג זיין און אַרבייטען ווייטער. ווי עס איז בעקאַנט איז די קאָלאָניע זכרון יעקב געווען אין איין אויפֿשטאַנד: די קאָלאָניסטען האָבען פֿערלאַנגט מען זאָל מְבַטֵל זיין די אַדמיניסטראַציאָן און געבען זיי די מעגליכקייט זעלבסטשטענדיג צו לעבען. די קאָלאָניסטען האָבען די דריי טעג וואָס ה. מאירזאָהן האָט פֿערבראַכט אין דער קאָלאָניע, פֿאָרגעגעבען מאַסען פֿאַקטען פֿון דער פֿילער פֿיהרונג, וועלכע האָט געהערשט די גאַנצע צייט אין דער קאָלאָניע, די שווערע מיליאָנען, וועלכע מען האָט געוואָרפֿען אויף אַלע זייטען אונניצליך און ווי מע

האָט פֿון דער אַנדער זייט גאָר ניט געוואָלט טהון צו הויבען די ווירטשאַפֿט פֿון דער קאָלאָניע. דאָס אַלעס איז איבערגעגעבען געוואָרען העררן מאירזאָהנען אין דער געגענוואָרט פֿון דער אַדמיניסטראַציאָן.

נאָך דעם ווי ער האָט די קאָלאָניסטען בערוהיגט איז ער נאָך פּתח תּקוה אַוועק, וואו עס זענען שטאַרקע מַחלוֹקת׳ן צווישען די קאָלאָניסטען און דער אַדמיניסטראַציאָן. צוריק מיט איינגע חדשים איז געקומען פֿון פּאַריז דער דירעקטאָר פֿון דער קאָלאָניע מיט אַ נייעס, דאָס דער באַראָן האָט זיי פֿון אַלעס ענטזאַגט, דאָס ער וויל שוין מעהר פֿון זיי גאָר ניט וויסען, אפילו פֿון די קאָלאָניע אָבצאָהלונגען פֿאַר וועלכע די קאָלאָניסטען וועלען מוזען אַליין צאָהלען, האָטש פֿיעל קאָלאָניסטען דאַרפֿען נאָך אָנקומען צו שטיצע, ווייל זייער לאַגע איז איבערהויפּט שלעכט געוואָרען זייט מען האָט אַראָבגעוואָרפֿען די פּרייזען פֿאַר די טרויבען.

פֿאַר זיך אָבער האָט דער זעלבער דירעקטאָר יאָ געפּועלט אַ סומע פֿון איינגע טויזענד פֿראַנקען, איין נייעס גרעסערעס הויז צו בויען, דען דאָס יעצטיגע פֿון זעקס צימערן איז געוועזן צו קליין פֿאַר איהם! די קאָלאָניסטען האָבען דאָס גלייכגילטיג ניט געקענט איבערטראָגען און האָבען געזאָגט אַז אויב יאָ אַזוי, ווילען זיי ווערען אויס ווייַנגערטנער און פֿערלאַנגען צוריק זייער אַקערלאַנד, וועלכע מען האָט ביי זיי צוריק מיט איינגע יאָהר אָבגענומען און אויף וועלכע מען האָט פֿערפֿלאַנצט באָיאַרעס (אַראַנזשען בוימער); ווייטער זאָגען זיי, דאָס זיי ברויכען ניט קיין אַדמיניסטראַציאָן און ווילען פֿיהרען זייער געמיינדע לעבען נאָך זייערע קרעפֿטען.

די מחלוקת האָט געבראַכט צו דעם, דאָס די קאָלאָניסטען האָבען זיך אָוועקגעשטעלט און געשוואָרען, אַז זיי וועלען ניט לאָזען ווייטער אַרבייטען, פֿלאַנצען אין די באָיאַרעס ביז די זאַך וועט איין ענדע נעמען. מען האָט געבראַכט רבנים, וועלכע האָבען זיי צוגעפּסקענט דאָס ביז מען וועט קומען פֿון פּאַריז זאָל מען ניט פֿלאַנצען קיין נייע באָיאַרעס. — יעצט ווי דער ה. מאירזאָהן איז געקומען האָט ער זיך ערשטענס אויף זיי אַ ביסיל אויסגעשריען, אָבער די קאָלאָניסטען האָבען גאַנץ רוהיג געענטפֿערט דאָס זיי פֿערלאַנגען מען זאָל זיי אויסהערען אויב זיי זענען גערעכט. עס איז אין דער צייט איין זעהר האַראַקטעריסטישער ענטפֿער פֿון איין קאָלאָניסט געגעבען געוואָרען. אויף דער פֿראַגע פֿון ה. מאירזאָהן: וואָס וועלען די קאָלאָניסטען טהון ווען מען וועט דאָך הייסען געהן ווייטער פֿלאַנצען? — מיר וועלען גאָר ניט טהון, בעהיטע גאָט, — האָט איינער פֿעסט געענטפֿערט, — מיר וועלען נור אַרויסגעהן מיט אונזערע ווייבער און קינדער און זיך אָוועקלעגען אויף דער ערד, דאַן זאָל מען פֿריהער אונזערע 18-יעהריגע פֿערוואונדעטע הערצער דורכלעכערן אונד דאַן שטעקען די בוימער אין דער ערד!... אויף ה. מאירזאָהן האָט דער דאָזיגער ענטפֿער פֿון די קאָלאָניסטען געמאַכט איין טיעפֿען איינדרוק. ער האָט געבעטען צוטרוי צו זיך, ער וועט אָרדנען די קאָלאָניע אויף דעם בעסטען אַרט, אָבער ער קען ניט אָנפֿאַנגען ביז זיי וועלען ניט לאָזען אַרבייטען די באָיאַרעס. נאָך אַ היציגער פֿערזאַמלונג, וועלכע די קאָלאָניסטען האָבען אָבגעהאַלטען די גאַנצע נאַכט האָבען זיי געבראַכט איין ענטפֿער, דאָס זיי פֿערטרויען זיך אויף איהם און לאָזען נאָך זיין פֿערלאַנג. אין דער צייט האָבען זיי דערצעהלט זייערע צָרוֹת וואָס זיי פֿלעגען ליידען, אויך די גרויסע אונאָרדנונגען, וועלכע האָבען געהערשט אין דער אַדמיניסטראַציאָן. גאַנצע דריי שעה האָבען זיי אויסגערעדט זייערע ביטערע הערצער מיט פֿאַקטען, ציפֿערען, בעווייזע אין די הענד. דאָס אַלעס איז פּראָטאָקאָלירט געוואָרען, און פֿאַר דער אָברייזע נאָך ראשון לציון האָט ה. מאירזאָהן געהייסען די קאָלאָניסטען זאָלען אויסקלויבען פֿון זיך פֿיער מענשען מיט וועלכע ער וועט אויספֿאָרשען גענוי די לאַגע פֿון דער קאָלאָניע און מיט וואָס מען קען איהר העלפֿען. מיט דעם איז ער דאָנערשטאַג פֿריה קיין ראשון לציון אַוועקגעפֿאָהרען.

אין דער קאָלאָניע וועט ה. מאירזאָהן פֿערבלייבען אַ פּאָר וואָכען און דאָ וועט מען ערשט גענוי וויסען וואָס יק״א טראַכט צו מאַכען אין די קאָלאָניעס. דאָ איז אויך די שווערסטע אַרבייט פֿאַר דעם ה. מאירזאָהן: ווי אַזוי איינצואָרדנען דאָס די ראשון׳ר קאָלאָניסטען זאָלען ענדליך אָוועקגעשטעלט ווערען אויף איין זיכערן יְסוֹד און מיט זיי אויך אַלע איבריגע וויינבוי קאָלאָניעס, וועלכע זענען אָבהענגיג פֿון דעם ראשון׳ר קעלער און פֿון דעם ריכטיגען פּראַקטישען וויינפֿערקויף.

דער אַלטער ציוניסט.

---

# חשבונות.

מען האָט אונז צוגעשיקט דעם יאָהרעדיגען חֶשְׁבּוֹן (1899) אויס דער ביבליאָטהעק פֿון דער יודישער חֶבְרָה פּריקאַסטשיקעס אין אַדעס. די ביבליאָטהעק עקזיסטירט שוין 24 יאָהר, זי איז געגרינדעט געוואָרען פֿון ש. ל. בערנפֿעלד. יעצט פֿיהרט זיך די ביבליאָטהעק פֿון אייגענער הַכְנָסָה און קויפֿט צו יעדעס יאָהר נייע ביכער, דאָס לעצטע יאָהר האָט זי געהאַט הכנסה פֿון די אבאָנעמענטען 3220 רובל 93 קאָפּ. דערפֿון האָט מען צוגעקויפֿט נייע ביכער פֿאַר 1510 רובל 50 קאָפּ.

הכנסה בִּכְלָל איז דאָס יאָהר געוועזען 3623 רובל 31 קאָפּ. הוֹצָאוֹת 3583 ר. 27 קאָפּ.

די ביבליאָטהעק האָט דאָס יאָהר טהייל גענומען אין דער אויסשטעלונג וואָס די אַדעסער געזעלשאַפֿט פֿון ליטעראַטען האָט געמאַכט צום אָנדענקען פֿון פּאָעט פּושקין, זי האָט אויסגעשטעלט זיינע שירים איבערזעצט אין העברעאישער שפּראַך. די ביבליאָטהעק האט פֿון דער געזעלשאַפֿט בעקומען אַ דאַנק בריעף.

ניט קיין פֿערמעגליכע מיטגלידער בעקומען ביכער צו לעזען אומזיסט און אָהן איינלעגגעלד.

פֿאַר העברעאישע ביכער האָט מען היינטיגעס יאָהר דעם פּרייז פֿאַר׳ן לייענען פֿיעל ביליגער געלאָזט: צו 20 קאָפּ. אַ חוֹדֶש, בְּעֵת אין אַנדערע שפּראַכען איז דער פּרייז 40 קאָפּ.

איבערהויפּט זאָרגט די ביבליאָטהעק וועגען ניצליכע קינדער-ביכער, אויף וועלכע זי האָט פֿיעל יונגע לעזער.

פֿון דער אינטערעסאַנטער סטאַטיסטיקע וואָס איז צוגעגעבען צום חשבון זעהען מיר צום בעדויערען, אַז די קלענסטע צאָהל לעזער זענען אויף יודישע און העברעאישע ביכער, האָטש די חברה טהוט אַלע מעגליכקייטען, עס זאָל די צאָהל לעזער פֿון יודישע און העברעאישע ביכער פֿאַרגרעסערט ווערען.

פֿון די חֶשְׁבּוֹנוֹת זעהען מיר, דאָס רוסישע ראָמאַנען און ערצעהלונגען האָט מען פֿערלאַנגט 24239 מאָל, יודישע 317, העברעאישע 478 (פֿון זיי האָבען 37 פֿרויען פֿערלאַנגט העברעאישע ביכער).

אינטערעסאַנט זענען די ציפֿערען: ביכער וועגען קינדער ערציהונג האָבען פֿרויען פֿערלאַנגט 235 מאָל, ראָמאַנען און ערצעהלונגען 14,692, זשורנאַלען 8085. פֿון די ציפֿערען קומט אויס אַז די אַדעסער יודישע אינטעליגענטע פֿרויען ערציהען זייערע קינדער מיט ראָמאַנען און זשורנאַלען.

עס געפֿינט זיך אויך אַ טאַבליצע מיט וואָס בעשעפֿטיגען זיך די לעזער פֿון דער ביבליאָטהעק, פֿון וועלכער עס ווייזט זיך אויס אַז די גרעסטע צאָהל זענען שילער, סוֹחֲרִים און די וואָס פֿאַרנעמען פֿערשידענע שטעלעס, די קלענסטע צאָהל זענען די וואָס האָבען אייגענע הייזער און לעבען פֿון אייגענעם קאַפּיטאַל, אַזוינע לעזער געפֿינט זיך אין גאַנצען 1 (ד. ה. אַ בֶּן יָחִיד אין דער ביבליאָטהעק). פֿון דער טאַבליצע קען מען דרינגען אַז די וואָס האָבען הייזער און געלד זענען שוין אַזוי קלוג און געבילדעט אַז זיי דאַרפֿען שוין ניט לעזען און לערנען.

---

מיר האָבען שוין איין מאָל געהאַט אַ צופֿאַל אויספֿיהרליך צו בעקאַנען אונזערע לעזער מיט דער ניצליכער חברה צו העלפֿען יודישע אָרימע לייט אין חאַטין, יעצט האָבען מיר בעקומען אַ נייעם יאָהרעדיגען חשבון (1899) פֿון דער חברה. די הכנסה פֿון דעם יאָהר איז געוועזען 6648 רובל 65 קאָפּ. אויסער וואָס די חברה האָט פֿיעל אָרימע לייט געהאָלפֿען אין דער נויט, האָט זי 428 אָרימע פֿאַמיליעס אויסגעהאַלטען דעם ווינטער מיט הייצונג, אויף יום טוב פּסח געהאָלפֿען 551 פֿאַמיליעס (2621 פּערזאָן). וועגען 153 יתומים און קינדער פֿון אָרימע עלטערן

האט די חברה געזארגט מיט אויסהאלטונג און מיט קליידונג, אייניגע פון זיי אוועקגעגעבען אין די שולען, די וואס זענען אריבער 13 יאהר — אין די פאבריקען און צו בעלי מלאכות, די איבריגע קינדער אוועקגעגעבען לערנען ביי מלמדים אונטער דער אויפזיכט פון דער חברה.

די חברה האט נעקויפט א פלאץ צו בויען א אייגענע תלמוד־תורה וואו ארימע קינדער זאלען אויך קענען דארט וואהנען. פון נדבות איז באלד נעווארען 5000 רובל (1000 רובל האט געגעבען ה' מ. ל. רייס). 10,000 רובל האט די חברה בעשטימט צו געבען אויף דעם צוועק פון דער סמעטע פון דעם נייעם יאהר.

די חברה קלאגט זיך אין זייער השבון אז אין זייער שטאדט געפינען זיך אייניגע וואס שטערען זיי אין זייער וויכטיגער ארבייט, און בארעדען זיי צווישען פראסטען עולם, אבער די שונאים פון דער חברה מיט זייערע פליאטקעס האבען גאר ניט אויסגעפיהרט, און די חברה ארבייט ווייטער מיט פלייס אום נוצען צו ברענגען ארימע לייט, געפאלענע מענשען, זיי און זייערע קינדער.

אודאי איז פאר אזוינע לייט ניט אנגענעהם, ווען א חברה פיהרט זיך אין ארדענונג מיט רעכנונגען, אפען פאר יעדען. פאר זיי זענען אודאי גלייכער די אלטע ארדענונגען פון יודישע צדקות, ווען פערשיעדענע גבאים זענען זיך בעגאנגען מיט קהל'ש געלד ווי מיט אייגענס און קיינער האט ניט געוואוסט וואו דאס געלד קומט אהין.

---

די חברה "דורשי ציון" אין קאפטוין (אפריקא) האט אונז צוגעשיקט דעם חשבון פון זייער העברעאישער ביבליאטהעק. הכנסות איז אין פאריגען יאהר געוועזען 1227 רובל פון פערשיעדענע נדבות, קאנצערטען און פון פערקויף פון ציוניסטישע בילדער. הוצאות 1220 רובל.—

---

## מען שרייבט אונז:

חיים שלום ווייגער פון באברויסק (מינסק. גוב.): צווישען די היגע יודישע בעל מלאכות ווערט געגרינדעט א חברה איינם דאס אנדערע זיך צו העלפען אין א נויט. די תקנות זענען שוין אויסגעארבעט און אוועקגעשיקט צום מיניסטער דעם אינערען. מיר האפען אין ניכסטען צו בעקומען די ערלויבעניש אויף דער חברה.

מ־ג־ן פון לידא (ווילנ. גוב.): לידא איז א שטעדטיל וואס האלט אין איין שלאפען שוין פון לאנגע יאהרען, און נור דער ציוניזם האט זיי מיט אמאל אויפגעוועקט צו עטוואס לעבען. מען האט דא פערקויפט 100 אקציעס פון יודישען קאלאניאלבאנק, שקל־צאהלער זענען פאראן ביז 400. אויסער דעם טהון די ציוניסטען פיעל גוטס פאר דער שטאדט זעלבסט, זיי האבען דא געעפענט א "טהע הויז" און א ביבליאטהעק צום לעזען וועלכע געפינט זיך אין צוויי גרויסע מעבליערטע צימער. אין דער ביבליאטהעק געפינען זיך 13 צייטונגען און פיעל ביכער, העברעאישע, יודישע, רוסישע און דייטשע. אונזער ציוניסטישע חברה האט פיעל צו פערדאנקען איינעם פון אונזערע שענסטע בעלי בתים, העררן יעקב פאפירמייסטער, וועלכער אפפערט פאר דער חברה פיעל געלד און צייט. אין זיין הויז געפינט זיך טאקי די לעזע ביבליאטהעק.

אשר פון קאדניא (וואהל. גוב.): אין אונזער שטעדטיל געהען יעצט ארום קראנקהייטען איבערהויפט אויף קינדער. קיין דאקטאר און אפילו קיין פעלדשער געפינט זיך ניט.

אונזער רב האט וועגען דעם צוזאמענגערופען די בעלי בתים און עס איז באלד געווארען א סומע געלד אז מען זאל אויסשרייבען אויף שטענדיג א פעלדשער און בעשטעלען א דאקטאר, ער זאל קומען צו אונז האטש צוויי מאל אין דער וואך. דער רב אליין איז געפאהרען קיין בערדיטשוב, וואו ער האט געדונגען א פעלדשער פאר 15 רובל א וואך און בעשטעלט א דאקטאר ער זאל קומען צו אונז צוויי מאל אין וואך.

---

## די יודישע וועלט

עסטרייך. — די "נייע פרייע פרעסע" איז מודיע, איז די קאסאציע פון פאלנא'ער משפט איז געשעהען אויף גרונד פון דער מיינונג פון פראגער מעדיצינישער פאקולטעט. די פאקולטעט האט געזאגט איהר מיינונג, אז דאס בלוט פון דער געהרג'עטער אגנעס הרוזא האט מען נישט געקאנט בענוצען צו קיין זאך; דאס גאנצע בלוט איז געוועזען אויף די האר, אויף די מלבושים אדער אין קערפער.

דער גלח מארטארא. די געשיכטע מיט מיכאלינע ארא טען דערמאהנט אונז אין נאך אזא מעשה, וועלכע איז געשעהן אין יאהר 1852, אין באלאניא (איטאליען). דאמאלס האט א קריסטליכע דיענסט געלאזט טויפען א יודיש יונגיל מיט דעם נאמען מארטארא בעת ער איז געוועזען געפעהרליך קראנק, איין גייסטליכער האט מודיע געוועזען דערפון דעם פאפסט און דער פאפסט האט געגעבען א בעפעהל צו צונעהמען דאס קינד מיט געוואלד פון די עלטערען, און איהם ערצויגען אלס קאטאליקען. אלאנגע צייט האט מען נישט געוואוסט וואס מיט דעם יונגיל איז געשעהען, ביז ער איז אויסגעטרעטען פאר א פאר יאהר א"ס מיסיאנער און אליין דערצעהלט אז ער איז דער יונגיל מארטארא.

פאר אקורצע צייט איז מארטארא געוועזען אין פאריז, און דערום האבען אייניגע צייטונגען נאך אמאל דערצעהלט זיין לעבענס געשיכטע. די צייטונג Temps האט דערצעהלט דערביי, אז דעם קליינעם מארטארא האט מען "ווי מען זאגט" גערויבט פון זיינע עלטערן. נאכדעם ווי ער האט זיך געטויפט האבען זיינע עלטערען מעהר נישט געוואלט וויסען פון איהם; שפעטער איז איהם געלונגען צו איבעררעדען זיין מוטער זי זאל ווערען קאטאליקין. מארטארא לייענענדיג דעם Temps האט אריינגעשריבען א בריעף צו דער רעדאקציאן, אין וועלכעם ער איז מודיע, אז ער איז געטויפט געווארען בעת ער איז אלט געוועזען 11 חדשים דורך א קריסטליכע דיענסט. נאך דעם טויפען איז ער געבליעבען 7 יאהר ביי די עלטערען; אין 1858 יאהר האט מען איהם אויף בעפעהל פון פאפסט צוגענומען פון די עלטערען און אוועקגעגעבען פערשיעדענע קאטאלישע גלחים, זיי זאלען איהם ערציהען. "מיינע עלטערען" — שרייבט ווייטער מארטארא — "האבען זיך נישט אבגעזאגט פון מיר נאך דעם טויפען; אדרבא, זיי האבען געטהון אלע מיטלען זיי זאלען מיך צוריק ארויס קריעגען; אבער אומזיסט! איהר שרייבט, אז מיין מוטער איז געשטארבען א"ס קריסטין; דאס איז נישט אמת; איך האב מעהרערע מאל געפרוווט אנרעדען מיין מוטער זי זאל ווערען א קאטאלין, אבער מיינע רעד האבען נישט געווירקט; זי איז געשטארבען אלס יודין".

*

רוסלאנד. אספה פון רבנים. די אדעסער צייטונגען זענען מודיע אז אין ניקאלאיעוו איז געוועזען איין אסיפה פון רבנים צו בעקלערען די פראגע וועגען צוזאמען רופען א גרויסע אספה פון רוסישע רבנים. אין דער אספה האבען זיך בעטהייליגט 25 רבנים פון דרום־רוסלאנד און בראשם איז געוועזען דער ראבינער פון די יודישע קאלאניעס אין חערסאנער גוב. דר. קרעפס. ה' קרעפס האט מודיע געוועזען אז ער האט בעקומען איין אויפטראג פון מיניסטער דעם אינערען אויסצוארבייטען א פראגראמע וועגען די שאלות וועלכע דארפען ווערען בעהאנדעלט אויף דער אספה. די פראגראמע פון דער אספה איז גאנץ גרויס, און איז נוגע פערשיעדענע שאלות וועגען די ארבייט פון די רבנים, זייערע וויבארעס, וועגען פערבעסערען די פיהרונג פון די מעטריצעסקע ביכער. כדי אויסצוארבייטען די פראגראמע איז אויסגעקליבען געווארען א קאמיסיאן פון 2 רעגירונגס ראבינער און 2 רבנים. דער פראיעקט פון דער פראגראמע וועט ווערען פאר־געשטעלט, איידער מען וועט זי אוועקשיקען, די גרעסטע רבנים, ווי קאוונער, ווילנער ריגאער א. ז. וו., זיי זאלען זי בעשטעטיגען.

יודישע צדקה־חברות. דער "רוסקי קוריער" איז מודיע, אז נאכדעם ווי די ממשלה האט איבערגעגעבען אלע יודישע ענינים אין דעפארטעמענט פון פרעמדע אמונה־זאכען, וועט מען ערשטענס אנהויבען דורכזעהען דעם פראיעקט וועגען איבערארבייטען די יודישע וואלטהעטיגע חברות. דאס מיניסטעריום דעם אינערען וועט פאדערען פון יעדער חברה, וועלכע האט נישט קיין בעשטעטיגטע תקנות, זי זאל זיך אליין אויסארבייטען תקנות און פארשטעלען דעם מיניסטעריום צום בעשטעטיגען. דאס מיניסטעריום וועט אדער בעשטעטיגען די תקנות אזוי ווי זיי זענען, אדער מאכען אין זיי ענדערונגען.

וועגען הונגער אין דרום־רוסלאנד. דעם 23־טען אפריל איז געוועזען אין אדעסא איין אספה פון די פארשטעהער פון פערשיעדענע קאמיטעטען צו געבען הילף די נויטבעדערפטיגע אין דרום־רוסלאנד. זיי האבען אלע איינשטימיג איינגעזעהען אז מען וועט מוזען געבען הילף מיט עסענווארג די הונגערנדע ביז דעם מאנאט אויגוסט, און אז נור נאך דער צייט וועלען א טהייל פון די נויטבעדערפטיגע קענען עפיס פערדיענען. דער גרעסטער טהייל פון די פארשטעהער האט געזאגט זייער מיינונג אז עס איז גלייך צו געבען שטיצע מיט ארבייט איידער מיט עסענווארג.

ווי מען איז מודיע דעם "וואסחאד ארבייטען די רימער אין בייראמצשא גאנץ פלייסיג. נישט לאנג האט א סוחר געוואלט אבקויפען ביי דעם דארטיגען קאמיטעט די גאנצע ארבייט און געבען 10 % פערדיענסט. דער קאמיטעט אבער האט נישט געוואלט פערקויפען און האפט צו בעקומען בעסערע מקחים.

קאווקאזער יודען. — די צייטונג "קאספי" דערצעהלט פון די קאווקאזער יודען: אין אמאליגען עריוואנער חאנסטווא געפינען זיך צוויי יודישע דערפליך מיזשי און חאפטאראפ, פון וועלכע די איינוואהנער פערנעהמען זיך מיט ארומפיהרען סחורה אין די מאחמעדאנישע דערפער. די יודען פאהרען ארום אין די דערפער א גאנץ יאהר און קומען אהיים נור אויף יום־טוב.

אמאל האבען די יודען געפיהרט גרויסע געשעפטען, נאר די לעצטע צייט און בעזאנדערס זייט מען האט אויסגעבויעט די "זאקאספישע אייזענבאהן"

— גרויסער מלך! דו האָסט מיר די גנאַדע ערוויעזען, זיך מיט מיר צו בעראַטהען. דו מעגסט מיר זיכער גלויבען, דאָס איך וועל דיר אַלס דיין טרייעסטער ערגעבענסטער אונטערטהאַן נור דאָס בעסטע ראַטהען. דו האָסט מיר געשענקט לעבען און פֿרייהייט — און ווי זאָל איך דיר ניט דאַנקבאַר זיין דערפֿאַר? אָבער אויסער דעם דאַנק און דער ליעבע וואָס איך בין דיר שולדיג פֿאַר מיר מיט מיין פֿאַמיליע, בין איך שוין פֿון לאַנגע צייטען מְחוּיָב דיך צו אַכטען און פֿערעהרען. נאָך פֿאַר דריי־הונדערט יאָהרען איז געווען ביי אונז יודען איין נָבִיא, דָנִיאֵל, וועלכער האָט פֿאָרגעזאָגט, אַז איין מעכטיגער קעניג פֿון גריכענלאַנד וועט דעם פערזישען טהראָן אומוואַרפֿען און די גאַנצע וועלט איינגעהמען. דו ביזט אַלזאָ פֿון אונזער גאָט אַליין בעשטימט, איבער דער וועלט צו הערשען, און אַלס יוד מוז איך דיר טריי און ערגעבען זיין, ווייל גאָט וויל עס. הער אַלזאָ מיין ראַטה! אין אונזער הויפטשטאָדט יְרוּשָׁלַיִם האָבען מיר אַ טעמפעל, וואָס ער איז ביי אונז דער הייליגסטער אָרט פֿאַר אונזער גאָטעסדיענסט. דאָרט האָבען מיר אַ כֹּהֵן גָדוֹל, וואָס ער איז אונזער פֿיהרער סיי אין דער געטליכער אֱמוּנָה, סיי אין דער וועלטליכער פּאָליטיק. דו געהסט דאָך אויף ירושלים, אַהין קומענדיג ווען דו וועסט נור ווייזען כָּבוֹד און אַכטונג אונזער בֵּית הַמִקְדָשׁ מיט אונזער כֹּהֵן גדול, דאַן וועט אונזער נאַציאָן דיר געהערען מיט לייב און זעעלע, דו ווערסט גאָר ניט ברויכען קיין סאָלדאַטען זי איינצונעהמען. דען קיין זאַך קען אַ פֿאָלק אַזוי בעפֿריעדיגען, ווי דאָס וואָס מען ערווייזט כּבוֹד זיין גלויבען, און קיין זאַך קען ווידער אַ פֿאָלק טיעפֿער בעליידיגען, ווי דאָס שענדען פֿון דעם, וואָס איז ביי איהם דאָס הייליגסטע. דאָ האָסט דו אַלעס וואָס דו ברויכסט צו וויסען וועגען מיין נאַציאָן.

אַלכסנדר נייגט צו מיר מיט'ן קאָפּ, צום בעווייז דאָס מיינע רייד געפֿעלען איהם. דאַן שטעהט ער אויף, לעגט די האַנד אויף מיין אַקסעל און זאָגט: „דו קענסט אַהיים פֿאָהרען ווען דו ווילסט, נאָר איך וואָלט דיר ראַטהען, דו זאָלסט אויף מיר וואַרטען און בלייבען אין מיין סוויטע. דו ווערסט מיט דיין פֿאַמיליע דאַן זיכערער אין רוהע און פֿריעדען קומען אַהיים.

איך האָב זיין עצה אָנגענומען מיט דאַנק און בין מיט מיין פֿאַמיליע אין זיין לאַגער געבליבען.

איינינע טעג שפּעטער איז אַלכסנדר מיט זיין חַיִל אַרוים פֿון קליין־אַזיען, איינגענומען אַלע פּראָווינצען וועלכע זענען געווען אויף דעם וועג קיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, און דאַן איז ער נעגאַנגען אויף ירושלים.

אונזערע ברידער דאָרט האָבען זיך זעהר דערשראָקען, אַלע גאַסען זענען געווען פֿול יאָמער און קלאָג. אַז אַלכסנדר איז שוין געווען איין טאָג רייזע פֿון ירושלים, האָט דער כֹּהן גדול יַדוּעַ בעשטימט אַ תַּעֲנִית צִבּוּר, אַלע זאָלען פֿאַסטען און גאָט בעטען אום רַחֲמָנוּת פֿאַר זיין אָרימעס פֿאָלק. ביי נאַכט האָט זיך דעם כֹּהן גדול געחָלוֹמט, דאָס ער הערט אַ געטליכע שטימע, וועלכע זאָגט איהם: „פֿירכטע ניט, אַלכסנדר וועט אייך קיין בייז טהון. מאָרגען זאָלסט דו און אַלע כֹּהֲנִים אָנטהון אייער כְּהוּנָה־קליידער, אַלע זְקֵנִים זאָלען זיך אָנטהון אין ווייסען און נאָכגעהען נאָך אייך, אום דעם גרויסען אַלכסנדר מיט כּבוֹד צו בעגעגענען". אויף מאָרגען האָט ידוע צוזאַמענגערופֿען דעם עוֹלם, איבער־געגעבען זיין חָלוֹם און געהייסען זיך צוגרייטען צו אַלכסנדר'ס אָנקומען, צו בעגעגנען אַלכסנדר'ן איז ידוע אַרוים אין די גאָלדדורכווירקטע קליידער, וועלכע ער טראָגט נור איין מאָל אין יאָהר, אַם יוֹם כִּפּוּר, ווען ער געהט אַריין אין דאָס קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים. הינטער איהם אַלע כֹּהנים אין זייערע כּהוּנה—קליידער, דאַן די אַלע זקנים ווייס געקליידעט. ניט ווייט פֿון ירושלים האָבען זיי זיך בעגעגענט מיט דעם גריעכישען חיל. ווי אַלכסנדר האָט דערזעהן פֿון ווייטען דעם כֹּהן גדול, איז ער אַראָפּ־געשפּרונגען פֿון זיין רייט־פֿערד און געפֿאַלען אויף די קניע. זיין בעסטער פֿריינד און פֿעלדהערר, פּאַרמעניאָ, האָט זיך אויף דעם זעהר פֿערוואונ־דערט און געזאָגט: גרויסער אַלכסנדר, ווי קומט עס צו דיר? שטייטס! פֿאַר אַ יודישען פּריסטער זאָלסט דו זיך בוקען?" אַלכסנדר האָט געענטפֿערט: ניט פֿאַר איהם נאָר פֿאַר דעם מַלְאַך וואָס האָט זיך מיר בעוויזען אין חָלוֹם, איידער איך בין אַרוים אין דער מִלְחָמָה געגען פָּרַס, און האָט מיר פֿאָראויסגעזאָגט, דאָס איך וועל דעם פֿיינד מְנַצֵחַ זיין. אָן דעם פּריסטער דערקען איך דעם מַלְאַך'ס געזיכט". מיט גרויס פֿרייד האָבען איהם די כֹּהֲנִים און די זְקֵנִים אין ירושלים געבראַכט און אין דעם בֵּית הַמִקְדָשׁ געפֿיהרט. דאָרט האָבען זיי איהם פֿאָרגעלעזען די נְבוּאָה פֿון סֵפֶר דָנִיאֵל. אַלכסנדר איז געווען זעהר צופֿריעדען, ער האָט קָרְבָּנוֹת געבראַכט און יודען פֿיעל גוטעס ערוויעזען. די שִׂמְחָה איז געווען אין ירושלים ניט צו בעשרייבען, פֿיעל יונגע לייט האָבען זיך פֿערשריבען צו דיענען אין זיין חיל, און ער האָט צוגעזאָגט, דאָס אין זייער דיענסט ביי איהם וועלען זיי קענען פֿריי האַלטען זייער אֱמוּנָה. קיינער וועט זיי אין דעם ניט שטערען. מיך האָט ער אויך איינגעלאַדען אָנצוקומען אין זיין דיענסט. אָבער איך האָב מיך ענטשלאָסען צו בלייבען ביי מיין פֿאַמיליע, ער האָט מיר אַ רעכטע סומע געלד געשענקט, פֿאַר וועלכע איך האָב מיר געקויפֿט אַ שטיק לאַנד, פֿון וועלכען איך האָב גענוג לעבענסמיטעל פֿאַר מיין טהייערע פֿאַמיליע און וועלכעס וועט בליי־בען אַ שענע יְרוּשָׁה פֿאַר מיינע קינדער אויף שפּעטער.

ווי לאַנג דער גרויסער אַלכסנדר האָט געלעבט, איז אונז יודען גאַנץ גוט געווען. ליידער אָבער האָט ער ניט לאַנג געלעבט. פֿון איהם קען מען זעהן, דאָס אַ מאָל איז דעם מענשען שווערער צו ערטראָגען זיין גליק, אַלס זיין אומגליק. אַלכסנדר, וועלכער איז פֿריהער גע־וועהנט געווען מעסיג און איינפֿאַך צו לעבען, האָט זיך גאַנץ פֿערענ־דערט, זייטדעם ער האָט די גאַנצע וועלט איינגענומען. ער האָט זיך צו אַלע פֿערגנוגען היינגעגעבען, זיין קערפּער האָט עס נישט אויסגעהאַלטען. פּלוצלינג האָט ער בעקומען אַ שטאַרק פֿיעבער, וועלכעס האָט איהם אין די בעסטע יאָהרען צוגענומען פֿון דער וועלט. קוים דריי און דרייסיג יאָהר אַלט, איז ער אין דער שטאָדט בּבל געשטאָרבען. נאָך זיין טויט איז געוואָרען אַ קריעג צווישען זיינע פֿעלדהערען ווער עס זאָל זיין גרויסע מְלוּכָה יַרשׁ'ען. דאָ האָט יעדער פֿאַר זיך איינגענומען די לענדער, אין וועלכע ער איז מיט זיין חיל געשטאַנען. איינער פֿון זיי, פּטאָלאָמעאוס לאַגי, איז קעניג געוואָרען אין מִצְרַיִם. פֿון דאָרט איז ער אַריין אין אונ־זער לאַנד, איז געקומען קיין ירושלים. מיט דעם אויסרייד דאָס ער וויל נור בעזעהן אונזער בית־המקדש, האָט ער אונז אָבגענאַרט. מיר האָבען איהם אַריינגעלאָזען אין אונזער הויפּטשטאָדט. קוים אָבער איז ער מיט זיין חיל דאָרט אַריינגעקומען, האָט ער גלייך די שטאָדט צוגענומען, און ווייל דאָס איז געווען שַׁבָּת, האָבען מיר זיך גאָר ניט געקענט וועהרען, ער אָבער האָט זיך מיט אונז זעהר שלעכט בעגאַנגען. פֿיעל פֿון אונזערע ברידער האָט ער אַלס שקלאַווען פֿערשיקט נאָך זיין לאַנד מצרים, די איבּרינע זענען איהם געבליבען אונטערטהעניג, און אַזוי געהערט אונזער לאַנד און פֿאָלק יעצט צו דער מלוכה פֿון מצרים.

ליעבער זוהן! איידער איך ענדיג מיין געשיכטע, וויל איך דיר נאָך ערצעהלען פֿון דעם וואָס עס האָט זיך פּאַסירט אין ירושלים בשעת איך בין נאָך געווען אין מאַלאַבאַר. מיין געשיכטע האָט זיך אָנגע־פֿאַנגען מיט אַ סקאַנדאַל פֿון די כהנים, ליידער מוז איך זי מיט אַ נייעם סקאַנדאַל פֿון די כהנים ענדיגען.

דער כהן גדול, יַדוּעַ, וואָס האָט דאָס גליק געהאַט אַלכסנדר'ס גנאַדע פֿאַר אונזער פֿאָלק צו געווינען, האָט געהאַט אַ ברודער, מנשה. דער מנשה האָט חתונה געהאַט מיט אַ געטצענדינערין. ביי אונ־זערע רייכע אַריסטאָקראַטען איז דאָס געווען אין דער מאָדע. אונ־זערע מיוחסים, די כהנים, האָבען געהערט צו דער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי, און האָבען גאַנץ אָפֿט אַזעלכע שידוכים געטהון. אָבער דער מנשה האָט נאָך בעסער געטהון: ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פֿון סנבלט, דעם פֿירסטען פֿון שמרון, וועלכער איז געווען איין בעוואוסטער יודענפֿיינד. דאָ האָט איהם זיין פֿרומער ברודער, דער כהן גדול, געגעבען אַ ברירה, אָדער ער זאָל זיין פֿרוי די געצענדינערין, פֿערטרייבען, אָדער ניט וואַגען אין בית המקדש צו קומען אַלס כהן. מנשה איז אַוועק קיין שמרון צו זיין שוויגערפֿאַטער און מעל־דעט איהם, דאָס ער מוז זיך פֿון זיין טאָכטער שיידען, דען זאָנסט ווערט ער פֿעריאָנט פֿון זיין כהונה. סנבלט אָבער זאָגט צו איהם: די ברויכסט צוליעב דער כהונה מיין טאָכטער ניט פֿערליערען, איך וועל

דיר אַ גרעסערע שטעלע געבען, איך וויל פֿאַר דיר לאָזען בויען איין אַנדער בית המקדש אויף אונזער בערג גריזים. דאָרט וועסט דו אַליין זיין אַ כהן גדול.

געזאָגט — געטהון. באַלד איז אויפֿגעשטעלט געוואָרען אַ נייער טעמפעל אויפ'ן באַרג גריזים אין לאַנד פון די שומרונים, און מנשה איז דאָרט געוואָרען כהן גדול. פֿיעל פֿון זיין גלייכען, וואָס האָבען אויך געהאַט פֿרויען, געצענדיענערינען אַזוי ווי ער, האָבען נאָך איהם געצויגען אין יענער מדינה, און סנבלט האָט זיי אַלע אונטערשטיטצט און אין זיין לאַנד בעזעצט. אַזוי זענען די שומרונים, די האַלב יודען, שטאַרק געוואָרען, און האָבען זייער שנאה צו אונזערע אֶמת'ע יודען געצייגט ביי יעדער געלעגענהייט. אַז אַלכסנדר איז געגאַנגען אויף פרס, האָבען די יודען איהם ניט געוואָלט שטיצען מיט קיין זאַך, ווייל זיי האָבען זיך טריי געהאַלטען צום קעניג פון פרס. די שומרונים אָבער האָבען אַלכסנדר'ן געשיקט פראָוויאַנט און חיל, צו ווייזען, דאָס זיי געהערען זיך צו יודען גאָר ניט אָן. ווי זיי האָבען דערהערט, דאָס אַלכסנדר האָט איינגענומען פרס און ער געהט אויף ירושלים, האָבען זיי זיך זעהר געפֿרעהט האָפֿענדיג, דאָס דאָ וועלען זיי אויף אונז זעהען אַ גרויסע מפלה, און געוויס וועט אַלכסנדר אונז פֿערטרייבען און זיי אונזער לאַנד אַוועקגעבען. אַז זיי האָבען אָבער דערהערט, דאָס אַלכסנדר האָט זיך געראַדע זעהר גנעדיג געצייגט צו יודען און אונזער בית המקדש אַזוי בעעהרט, האָבען זיי צו איהם געשיקט אַ דעפּוטאַציע צו בעטען פֿאַר זיי דיזעלבע רעכטע וועלכע ער האָט אונז געגעבען, ווייל זיי זענען דאָך אויך יודען. אַלכסנדר אָבער האָט זיך דערוואוסט, דאָס זיי זענען אַ גאַנץ בעזאָנדערע סעקטע, וואָס געהערט זיך צו יודען גאָר ניט אָן, האָט ער זיי זייער ביטע אָבגעזאָגט.

אָבער ניט פֿאַר די אָפֿענע שונאים האָבען מיר וואָס מורא צו האָבען, דען גאָט איז מיט אונז, געגען אַזעלכע פֿיינד קענען מיר נאָך בעשטעהען. אַ געפֿאַהר פֿאַר אונז איז נור דאָס, ווען ביי אונז אַליין געפֿינען זיך אַזעלכע, וואַס זענען אונזער גלויבען ניט געטריי, זיי וואָלטען גערן לעבען ווי די געצענדיענער און נאָכגעהען זייערע מנהגים. און ווען עס זאָל זיך מאַכען עפּיס אַ אינטריגע מיט אַ פֿרעמדער מלוכה, דאַן איז צו בעפֿירכטען, אונזער אחדות זאָל חס ושלום ניט צושטערט ווערען, און ווען דער האַרצאָפּ ווערט צוטהיילט, דאַן קען מען איהם האַרוויים צורייסען, ווי איך האָב אַמאָל אַלכסנדר'ן געזאָגט, בעת ער האָט מיר געפֿרעגט וועגען דער קראַפֿט פון אונזער פֿאָלק. הלוואי זאָל אונז גאָט פון דעם בעהיטען, עס זאָל קיין מאָל דערצו נישט קומען.

איך איבערלאָז דיר די דאָזיגע שריפֿט צוזאַמען מיט דעם לאָרבערקראַנץ, וועלכען דיין ליעבע מוטער האָט מיר איינגעהענדיג אויפ'ן קאָפּ געלעגט, בעת איך האָב דאָס גליק געהאַט, איהר חתן צו ווערען. היט עס צוזאַמען מיט די שריפֿטען וועלכע זענען אונז געבליעבען פון אונזער עלטערפֿאַטער זרובבל, זיי זאָלען אין אונזער פֿאַמיליע פֿערבלייבען צום אייביגען אַנגעדענקען.

פון מיר דיין טרייער פֿאָטער עזריה.

(ענדע.)

---

## קַאלִיקֶעס.

### פֿון מ. ספּעקטאָר.

### VI.

#### אויף דער זומערוואָהנונג.

לעוו אסיפּאָוויטש איז איצט געזעסען אויף דעם באַלקאָן פֿון זיין זומערוואָהנונג, ווייל איצט איז די זון פֿון דאָרט אַוועק'געגאַנגען און דער באַלקאָן האָט זיך אין גאַנצען געפֿונען אין שאָטען. פֿון דאַנען האָט מען פֿון דערווייטענס געקענט אַרויסזעהן די פֿאַבריק. ער האָט געזעהן דעם לאַנגען גרויסען קוימען, אויף וועלכען עס האָבען זיך געדראַפּעט עטליכע אַרבייטער, שוואַרצע פֿון סאַזשע ווי די רוחות און האָבען עפּיס דאָרט צורעכט געמאַכט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען קוקען אויף איין אַנדער ווינקעל, וואו די אויווענס געפֿינען זיך, זיי ברענען איצט ווי די קאַלעך־אויווענס, און שוואַרצע מענשען ווי די שֵדים ציהען אַרויס מיט אייזערנע גרויסע אָבצוויינגעס פֿייערדיגע לאַנגע צונגען, טהייל קלאַפּען אָהן איין אויפֿהער מיט שווערע האַמערס אויף די צונגען, גרויסע, קליינע שטיקער פֿונקען פֿליהען אין אַלע זייטען אויף די קליידער און געזיכטער פֿון די שוואַרצע רוחות, די לאַנגע פֿייערדיגע צונגען ווערען וואָס אַמאָל טונקלער און טונקלער, דינער און לענגער און מען קלאַפּט אַזוי לאַנג ביז פֿון די פֿייערדיגע צונגען ווערען לאַנגע שוואַרצע שטיקער אייזען.

— אַרבייט, אַרבייט, שוואַרצע קאַטאָרזשניקעס האָט ער גערעדט צו זיך, אַרבייט, וועלען מיינע וועלאָסיפּעדיסטען פֿון אייער שוויים פֿון אייער געזונד און לעבען האָבען פֿון וואַנען אויס צו בריינגען געלד, דער אויף אַקטריסעס און די אויף נאַרישקייטען, וואָס איהר, מילבען, אָרענטליכע אַרבייטער, ווייסט גאָר ניט אַז אויף אַזוינע נאַרישקייטען, פֿאַר יעדע שעה פֿערגעניגען, צאָהלט מען מיט אייערם אַ יאָהר אַרבייט — אַ יאָהר לעבען. נאָר גלויבט מיר אַז איך בין ניט שולדיג... איך בין ניט גליקליכער פֿון אייך...

אין דער צייט איז אידא אָנגעקומען פֿון שטאָדט מיט אַ טראַמוואַי. זי איז געגאַנגען אָנגעטהון אין איהר שענסטען זומער קלייד פֿון העלען פּערקאַל, איהרע לאַנגע בלאָנדע האָר פֿערפֿלאָכטען אין אַ לאַנגען דינעם צאָפּ, פֿערקניפּט מיט אַ בלוי זיידען סטענגעלע, אויף דעם קאָפּ אַ ווייסער שטרויענער הוט מיט זעהר ברייטע ראַנדען. אַ פֿערפֿלאַמטע אַ פֿערפֿאָליטע איז זי אַריינגעגאַנגען אין אַ שען געפֿאַרבטען טויער פֿון סאַלאָמאַנאָווס זומער וואָהנונג. געהענדיג אויף אַ זאַמדיגע שטעשקע האָט זי בעגעגענט אַ דאַמע.

— צו וועמען ברויכט איהר? האָט זי די דאַמע געפֿרעגט.

— דאָ וואָהנט הערר סאַלאָמאַנאָוו?

— יאָ, פֿון וואַנען קומט איהר, איהר זענט ניט קיין היגע?

— ניין, פֿון דער פּראָווינץ.

— האַ... דאָרט וואו די חאָליערע איז... וואַרט אויס... באַלד... זעצט זיך דאָ דערווייל... האָט זי אָנגעוויזען אויף אַ גאָרטען באַנק און איז גיך אַוועק געגאַנגען. אין אַ פּאָר מינוט איז זי שוין צוריק געקומען מיט אַ פֿלעשיל און מיט אַ בלאָז מאַשינקע אין דער האַנד.

— ענטשולדיגט מיר, פֿריילין, עס איז ניט שעדליך, עס איז געזונד, האָט די דאַמע געזאָגט און זי אַרומגעשפּריצט מיט קאַרבאָל וואַסער.

— איך האָב אַ בריעף, האָט אידא געזאָגט האַלב דערשראָקען אַרומווישענדיג זיך דאָס געזיכט מיט איהר טיכעלע, איך ברויך דעם בריעף באַלד אָבגעבען הערר סאַלאָמאַנאָוון.

— אַ בריעף!? האָט די דאַמע געזאָגט נאָך מעהר דערשראָקען, ווייזט נור דעם בריעף. אידא האָט זיך געקווייקעלט — געבען דעם בריעף אָדער ניט.

— האָט קיין מורא ניט, איהר מעגט מיר געבען, איך בין סאַלאָמאַנאָווס פֿרוי. איך וועל איהם גלייך איבערגעבען, האָט זי געזאָגט נעמענדיג דעם בריעף און איהם אַרומגעשפּריצט.

— יעצט קומט מיט מיר צו לעוו אסיפּאָוויטשען, ער זיצט אויף דעם באַלקאָן, האָט זי זיך פֿריינדליך געווענדעט צו אידאַן.

— ווייטער אַ נאַסען בריעף, האָט לעוו אסיפּאָוויטש זיך אָנגערופֿען רייסענדיג דעם קאָנווערט, שוין פֿון אַ יאָהר אַז אין ערגיץ איז ניטאָ די חאָליערע, נור ביי מיר איז זי נאָך דאָ.

— אָט אַזוי זענען די מענער דאַנקבאַר, ווען מען איז זיי געטריי און מען היט זיי אָב, האָט זי זיך געווענדעט צו אידא'ן, דערלאַנגענדיג איהר אַ שטוהל, און זי געבעטען זיצען.

— הייסט עס אַז ג י ט ע ל איז אייערע אַ מימע, האָט זיך סאַלאָמאַנאָוו אָנגערופֿען ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם בריעף — ווי עהנליך זענט איהר אויף אייער מומען שען. אַזוי ווי זי.

אידא האָט זיך געוואונדערט אויף זיין פֿערגלייכעניש, זי געדיינקט די מומע גיטעל אַלס בלאַסע קראַנקע יודענע.

— די מומע איז שוין לאַנג געשטאָרבען, האָט אידא זיך אָנגערופֿען.

— אָ איך געדיינק... איך ווייס... זי איז שוין לאַנג געשטאָרבען...

דארף מען א ביסיל מאריך זיין, ער איז ווערט, אז מ'זאל וועגען איהם שמועסען. ערשטענס איז ער דאך ניט אבי א זוהן: ער איז דאך פארט א סטודענט פון לעצטען קורס אין נעענדיגט גימנאזיום מיט א גאלדענעם מעדאיל, דערצו איז ער א שענער, א אתרג'יל, האטש א ברכה צו מאכען אויף איהם, א קאלעכדיגער פנים, בלוט און מילך, קלוגע שווארצע אויגען און א פאר פיינע וואנצעס.

סערגיי וולאדימיראוויטש — אזוי האט מען גערופען דעם סטודענט — איז געוועזען גאר א פייעריגער ליבעראל: פון יודישקייט האט ער ניט גע־האלטען, און נאך ווייניגער פון יודען. די אלע טענות, וואס דער „נאוואיע ווערעמיא' רעדט אויף יודען האט מען געהערט אויך פון סערגיי'ס מויל. ער האט ניט געהאלטען פון נאציאנאליטעט בכלל, און פון יודישע בודאי נישט. ער האט נור גערעדט וועגען מענשענליעבע, וועגען די ליידען פון די ארימע רוסישע פויערים, וועגען אפפערן זיך פאר דעם צווייטען, אפשר זאל ביי זיך אין שטוב, פאר זיין טאטען און מאמען, פלעגט ער זיך צוהיצען און צורעדען זיך שטארק אויף אלעס און אלעמען, ווי מע זאגט אפילו אויף „נתקה'ן" אליין. זיינע ווערטער האבען געבראכט זיינע על־טערן אין שרעק און אנגסט. זיי פלעגען איהם בעטען פשוט מיט טרעהרען, אז ער זאל רחמנות האבען פריהער אויף זיך, דערנאך אויף זיי, און זאל אזוינס ניט רעדען, נאר ער האט מיט זייערע רייד זיך ווייניג וואס גע־קימערט.

נארישע עלטערן! זיי האבען זיך אומזיסט געפלאגט. דער זוהן, איז געוועזען זעהר א פראקטישער מענש, ער האט זעהר גוט געוואוסט צו שווייגען, אדער אפילו צו רעדען פארקעהרט וואו עס פאסט. קיינער האט ניט געקענט אזוי חנפה'נען די לעהרער, אזוי ווי סערגיי קנאפ, און ער האט טאקי מצליח געוועזען און האט געהאפט דעם גאלדענעם מעדאיל.

צייט אפאר יאהר האט זיך סערגיי גענומען צו דעם פאטערס געש־עפט. ווען ער פלעגט קומען אויף זומער אהיים, פלעגט ער אוועקלע־גען אן א זייט די אלע חכמות וואס ער האט געלערנט אין אוניווערזי־טעט און גענומען זיך פאר דאס קאנטע אדער קאסע־בוך.

(ענדע קומט) רזיאל.

## נייע ביכער.

### א. גאסעלניק'ס אויסגאבען.

ה. א. גאסעלניק האט אונטערנומען א העכסט וויכטיגע ארבייט. דורך לייכט פערשטענדליכע ביכליך, וויל ער בעקאנט מאכען דעם זשארגאן־לעזער מיט דעם אנהויב פון די דאזיגע וויסענשאפטען, וועלכע לייטערען דעם שכל און דערווייטערן דעם בליק פון יעדען מענשען, און אויף וועלכע דער קלוגער יודישער לעזער ווארט שוין מכמה וכמה צייט. פון די זעקס ביכליך, וועלכע זענען ביז איצט ארויס — בעשעפטיגען זיך פיער פון זיי מיט נאטור־וויסענשאפטען און צוויי מיט פראגען פון רעליגיאן און פון מענשליכען געוויסען (מאראל). פאר די לעצטע צוויי: „וועמעס גלויבען איז בעסער", א איבערזעצטע ערצעהלונג פון גראף ל. טאלסטאי, און „סאקראטעס דער גריכישער פילאזאף" וועלען די לעזער הערן גאסעלניק דאנקען פון גאנצען הארצען. פאר די אנדערע פיער: „פפלאנצען לעבען". „בילדער פון טהיער לעבען", די לעהרע פון בלוט־געפעסזיסטעם און פון עססענפערדויאונג אונטער דעם נאמען „די לעהרע פון לעבען" וועט דער דאנק קומען ערשט שפעטער, ווייל דאס לייענט זיך שוין ניט אזוי לייכט און אום דאס גוט צו פערשטעהן מוז זיך דער לעזער אביסיל אנשטריינגען. דער לעזער דער בעל שכל אבער וועט צוליעב דעם די מיה ניט שפארען, ווייל די ביכליך זענען גוט און געבען איהם אסך וויכטיגע און נייע פארשטעלונגען וועגען דאס קערפערליכע לעבען בכלל און בפרט וועגען דאס לעבען פון די פלאנצען, חיות און פון דעם מענשען. זעהר גוט וואלט געוועזען, ווען ה. א. גאסעלניק וואלט דעם לע־זער ניט געגעבען נור איבערזעצונגען, ווען ער וואלט געזוכט קריגען אריגינעלע זאכען פאר זיינע פאפולער־וויסענשאפטליכע אויסגאבען. אז דאס איז גאר ניט אזוי שווער, ווי עס דוכט זיך, בעווייזט דאס ביכיל פון א. דודזאהן „די אייביגע מלחמה אין דער נאטור", וועלכע איז עקסטרא בעשטעלט געווארען ביים פערפאסער פון דער אמאליגער אויסגאבע „צייטגייסט", און שטעהט געוויס ניט ניעדריגער פון אזעלכע ביכליך אין אנדערע שפראכען.

צום שלום מוז איך נאך בעמערקען דאס ה. א. גאסעלניקס אויס־גאבע איז כמעט די איינציגע איצט, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט דער פערברייטונג פון פאפולער־וויסענשאפטליכע ווערקע אין זשארנאן. דען פון דעם „צייטגייסט" און „קאטיק און ברעסלויער אויסגאבען", וועלכע האבען זיך געשטעלט דאס אייגענע שענע ציעל, הערט מען שוין עפיס פון א צייט לאנג גאר נישט.

* * *

### ביבליאטהעק פאר קאלאניסטען און גערטנער. דער לובין.

„כדי בעקאנט צומאכען די יודישע קאלאניסטען מיט אלערליי קענטניסע פון לאנדווירטשאפט האבען מיר זיך בעשלאסען הערויסצוגע־בען א גאנצען גאנג קליינע ביכליך און דרוקען אויף פראסט יודיש, כדי אלע זאלען לייכט פערשטעהן".

מיט די ווערטער הויבט זיך אן די הקדמה פון דעם אנגערופענען ביכיל. די חברה, וועלכע האט זיך גענומען פאר אזא ניטצליכע ארבייט האט נור בדעה דעם קאלאניסטען אליין, זי זאגט צו אין גיכען ארויס־צוגעבען א לוח פאר יודישע קאלאניסטען, אין וועלכען עס וועלען זיך אויך איינגעפינען פערשיעדענע ידיעות פאר פאכטער, פעלד־ארבייטער, גערטנער אז"וו. און אויך דאס ערשטע ביכיל וועגען „לובין, א מיטעל צו פערבעסערען די פעלדער" קען בריינגען נוטצען די שטעד־טיגע איינוואהנער, וועלכע פערנעהמען זיך מיט פאכטעריי, גערטנעריי און דג"ל. אזוי ווי אזעלכע ביכליך שרייבען זיך ניט פאר יעדען קאלא־ניסטען, ער מעג וואוהנען, וואו ער וויל, נאר פאר די וועלכע ארבייטען אויף א בעשטימטען גרונד (א זאמדיגען, א מיטעלען, א פעטען), דעריבער קענען מיר ניט האבען קיין טענות, וואס אין דעם ביכיל „לובין" געפינען זיך אין אזוי פיעל רוסישע ווערטער, ווייל דער גראז לובין קען נור ניטצען דעם גערטנער און פאכטער אין ליטא און בעלא רוסיע, אוואו די רוסישע ווערטער זענען איהם ממילא בעקאנט. בעל מחשבות

---

## פיר די הונגעריגע אין בעסאראביען.

א) דורך ס. קאוונאט: מרת ש. קאוונאט 3 רו"כ; ה' אביגדור סופר 1 רו"כ; ה' זלמן פאלקאוו 50 קאפ.; מרת שפרה קאוונאט 70 קאפ. ס"ה 5,20 רו"כ, אב פארטא 20 קאפ., פערבלייבט 5 רו"כ.

ב) דורך א. קאמען: ה' א. קאמען 1 רו"כ; נ. קאמען 50 קאפ.; ה"ה מ. ראזענבלאט, ז. פינאק, מ. פאניש, ח. באנצוק יעדער א 25 קאפ. ס"ה 1 רו"כ; ה' מ. ברקוביץ 15 קאפ. ס"ה 2,65 רו"כ.

---

## בריעפקאסטען.

מיר בעטען אלע יענע, בעשטעלען ביי אונז „די פאלקס־געשיכטע" און בכלל ספרים, זיי זאלען אויפגעבען אין דער אדרעסע, אויב אין זייער שטאדט איז נישטא קיין פאסט, דעם נאמען פון דער נאכס־טער שטאדט, וואו עס איז דא א פאסט, כדי מיר זאלען קענען ארויסשיקען פאר זיי די ספרים. פיעל עקזעמ' „פאלקסגעשיכטע" ווערען נישט ארויסגע־שיקט, ווייל אין דער אדרעסע איז נישט געשריעבען די שטאדט, וואו עס געפינט זיך די פאסט.

אונזערע געעהרטע אגענטען בעטען מיר, ווען זיי פארדערען די פאלקסגעשיכטע פאר זייערע אבאנענטען, זיי זאלען אויפגעבען די נעמען פון די אבאנענטען, וועלכע נעהמען „די פאלקסגעשיכטע", דען אנדערש קענען מיר נישט אויספיהרען זייער בעשטעלונג.

וועגען די גרויסע צאהל פון בעשטעלונגען אויף „די פאלקסגעשיכטע" קענען נישט אלע עקזעמפלארען מיט אמאל ווערען ארויסגעשיקט, אבער מיר פערזיכערען אז יעדער וועט בעקומען „די געשיכטע" אין א קורצע צייט.

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer Krakau.